STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08586

# MIR ALE

L. Miler

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# ל. מילער

# מיר אַלע

געהייליקט זאָלן זיין די נעמען פון
מיין עלטסטן ברודער, **הענעך** און
זיין יינגסטער טאָכטער **רבקה**
(ריווע), ווען די היטלער-רוצחים
האָבן אין 1941 אַרויסגענומען פון
זייערע היימען אין אָסטראָוו
(וואָלין) און זיי אומגעבראַכט.

ל. מ י ל ע ר

# מיר אַלע

נ י ע

און אָפּגעקליבענע לידער, פּאָעמעס

איבערזעצונגען פון פרעמדע שפּראַכן

פאַרלאַג

פ אַ ר י ז

**L. MILLER**

# MIR ALE
## (NOUS TOUS — POEMES)

הילע געצייכנט : משהקע באַהעלפער

פאַרענדיקט צו דרוקן אין יאַנואַר
טויזנט נײַן הונדערט פינף און זעכציק
אין דער דרוקערײַ „אַבעסע״
אונטער דער השגחה פון יוסף שעכטער.

געזעצט און צוזאַמענגעשטעלט: לאַזאַר
ווײַן, געדרוקט: נפתלי מילנער.

Copyright by Editions «OFSNAï», Paris, 1965

PRINTED IN FRANCE

Imp. Abécé, 21, rue Juliette-Dodu - Paris-10e



ל. מילער

אַרויסגעגעבן פון קולטור־ראַט ביי די יידישע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס און דער „פּאַריזער צייטשריפט״

צום יובילײ — פון 75־טן געבוירנטאָג און 55 יאָר ליטעראַרישן שאַפן פונעם דיכטער.

* * *

## מיט טיפער דאַנקבאַרקייט און ליבע

דאָס בוך „מיר אַלע״, וואָס גייט צום דרוק דורך די באַמיאונגען פונעם קולטור־ראַט ביי די יידישע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס, „פּאַריזער צייטשריפט״, „נייע פּרעסע״ צוזאַמען מיט דעם יום־טוב, פאַר מיין פינף־און־זיבעציקסטן געבוירנטאָג, צו וועלכן מיינע חברים און פריינט, קאָלעגן און לייענער, פון פראַנקרייך און אַנדערע לענדער, האָבן אַזוי וואַרעם און גערן צוגעגעבן זייערע נעמען, ווי באַטייליקער אין דעם יום־טוב — צו אייך אַלע מיין טיפע דאַנקבאַרקייט און ליבע.

מיין גלויבן דערמוטיקט מיך צו האָפן, אַז דאָס בוך „מיר אַלע״ וועט קומען אין לענדער ווי אַ שליח פון שלום צו שרייבער און לייענער פון דער יידישער ליטעראַטור; און אַז דער ריס, דער ווייטיק און דער שאָדן פון צעריסנקייט וועט פאַרהיילט ווערן.

ד ע ר מ ח ב ר

* * *

ס׳איז געווען אין 1956. ראַשעל און איך זיינען אָנגעקומען קיין פּאַריז אין חודש מאי און איך האָב דאָ, אַדאַנק ראַשעלן, צום ערשטן מאָל געשטעלט מיינע טריט אויף דער פּאַריזער ערד.

איך האָב זיך אומגעקוקט ווי פאַרחידושט — פּאַריז! פרילינג! — איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז איך בין שוין דאָ אַמאָל געווען, לאַנג, לאַנג צוריק און איך בין אין יענעם וואונדערלעכן פרילינג־טאָג, צוריקגעקומען אַהער, אַהיים, קיין פּאַריז — — —

באמת אין דר׳היים האָבן מיר זיך דערפילט, ווען מיר זיינען געקומען אין רעדאַקציע „נייע פּרעסע״, עס האָט אויף אונדז אַ הויך געטאָן מיט קולטור־שאַפערישער, קולטור־טוערישער אַרבעט, געטאָן מיט ליבע און איבערצייגונג פון מענטשן אין אַלע יסורים און פּיינען, פון די שבעה־מדורי־היטלער־גיהנומס — אויסגעפּרוווּ־טע, טייערע מענטשן — פון דער סעקרעטאַרין ביזן שעף־רעדאַק־טאָר. זיי האָבן זיך מיט אונדז דערפרייט און מיר מיט זיי.

די זעלביקע און אַנדערע יחידים שריפטשטעלער פון אַלע צווייגן יידישער ליטעראַטור, מיט וועלכע מיר זיינען שנעל גע־וואָרן פריינט, האָבן זיך באַטייליקט אויך אין דער רעדאַקציע „פּאַ־ריזער צייטשריפט״ און געהאַלטן אַקטיוו דעם פאַרלאַג „אויפסניי״.

דאָס זעלביקע האָבן מיר געפונען ביי אונדזערע פּאָליטישע, קולטור־געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, מיט זייערע געטרייע, אויסגעפּרוּווטע פירער און טוער, וועלכע האָבן אויפסניי געמוזט ווידער אויפנעמען אַן ענערגישן, העלדישן קאַמף קעגן נעאָ־נאַציזם, פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם.

און ווי אַ טייל פון דעם גאַנצן פּראָגרעסיוון יידישן לעבן אין פּאַריז, האָבן מיר זיך דערפילט, ווען מיר האָבן זיך געטראָפן פּנים־אל־פּנים מיט די טייערע יידישע פאָלקס־מענטשן, ביי פאַרזאַמלונ־גען, פייערונגען און קולטור־אָוונטן, די זעלביקע, וואָס האָבן מיט מסירת־נפש אָנגעהאַלטן דאָס דרוקן און פאַרשפּרייטן די צייטונג, אונטער דער שווידערלעכסטער היטלער־אָקופּאַציע.

און אַט, נאָך פינף יאָר באַטייליקן זיך אין דעם פּאַריזער יידישן ליטעראַטור־ און קולטור־שעפערישן לעבן, האָב איך ביי דער שוועל פון מיין 75־טן געבוירנטאָג, געהאַט די געלעגנהייט און די זכיה, צוזאַמען מיט ראַשעלן טיילן די פרייד פון גרויסן יובל: דרייסיק יאָר „נייע פּרעסע״.

* * *

אויטאָביאָגראַפישע דאַטעס און קורצע פאַרצייכענונגען גיב איך דאָ פון זכרון, מיט אַ בליק אויף צוריק. בטבע, שטיי איך מערסטנס אין דעם איצט, מיטן פּנים צו דער צוקונפט. אָבער איין מאָל אין 75 יאָר — דאַרף מען אַ מעסט טאָן מיטן אייגענעם בליק דעם אָפּ־געגאַנגענעם וועג, פון וואַנען ער האָט זיך אָנגעהויבן — אויב נישט פאַרן ליטעראַטור־פאָרשער און קריטיקער, איז פאַר זיך אַליין און נאָך מער — וואָס דאָס איז ביי מיר שטענדיק דער עיקר — פאַרן לייענער, פאַרן פאָלק.

# אויטאָביאָגראַפישע דאַטעס און קורצע פּאַרצייכענונגען

1889 — געבוירן אין לאַנאָוויץ, וואָלינער גובערניע, נישט ווייט פון קרעמעניץ, מיין טאַטנס געבורט־שטאָט.

* * *

ווען מיינע מחשבות ברענגען מיך צוריק צו מיין פריער קינדהייט, זע איך איצט מיין טאַטן, נישט בלויז דעם רב, נאָר דער עיקר, דעם מענטשן, דעם וועלטלעכן, באַשיידענעם יידישן למדן, מיט זיין זעלטענער באַציאונג צו מענטשן בכלל און צום הויזגעזינד בפרט.

עס זיינען געווען איינצלנע פאַלן ווי, למשל, ביי אַ דין־תורה — סוחרים זיינען געקומען צום טאַטן זיך לאַדן. ביים אויסלייגן די טענות איז מען אָפט אַריבער אויף היציקע געשרייען, זידלערייען און באַליידיקונגען, איינער קעגן אַנדערן. דאַן איז מיר אויסגעקומען צו זען, ווי מיין טאַטנס פּנים ווערט בלאַס און מיט אַ קוים־באַמערקבאַרן ציטער פון די ליפּן האָט זיין קול אָנגענומען אַ טאָן פון רוגזא געמישט מיט געבעט:

— יידן, יידן, וואָס טוט איר? שעמט זיך! אויף דעם זענט איר צו מיר געקומען?

אָבער כמעט שטענדיק האָט מען זיך סוף כל סוף איבערגעבעטן, מ'האָט זיך געגעבן די הענט, געטרונקען לחיים, געווונטשן איינער דעם צווייטן אַלדאָס גוטס, ווי זיי וואָלטן געווען גרייט צו גיין אין נייע שותפותן צוזאַמען...

איך, ווי יונג איך בין נישט געווען, האָב מיט חידוש געקוקט אויף זייערע אויסגעלייטערטע פּנימער. נאָכדעם בין איך אַרומגעגאַנגען און געחלומט מיט אָפענע אויגן און ס'האָט זיך מיר זייער נישט געוואָלט צוריקגיין לערנען.

* * *

מיר זיינען געווען דריי ברידער און דריי שוועסטער. די עלטערע צוויי ברידער, הענעך און מענדל, האָבן געאַרבעט אין קרעמעניץ ביי אַ זייגערמאַכער. די עלטסטע פון די שוועסטער, פייגע, האָט חתונה געהאַט קיין פּילשטין. אין דר'היים זיינען מיר געווען די שוועסטער פרומע (עלטער פון מיר מיט אַ יאָר צען), מיין ייננגער שוועסטערל, עטל, און איך, דער מוזיניק פון די ברידער.

מיין מאַמע איז געווען אַ קראַנקע. אין די וואָכעדיקע נעכט איז מיין טאַטע געזעסן ביי זיך אין צימער און געשריבן זיינע מאמרים, פאַרן „תלפּיות", „כנסת־ישראל" און אָפט, ממש דורך די

נעכט געאַרבעט אויף זיין ספר „עזרה להבין״ (וועגן אבן־עזרה), אָדער דעם ספר „יהי אור״ (וועגן רמב״ם).

איך פלעג אָפט שלאָפן ביים טאַטן אין צימער אין זיין בעט און יעדעס מאָל, וואָס איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און געזען מיין טאַטן זיצן אַ רואיק־פאַרטראַכטן אַנגעבויגן ביים טיש איבער זיין אַרבעט, האָב איך זיך מיט הנאה איינגעניורעט אין קישן, און זיך דערפילט זיכער און געשיצט קעגן דעם נאַכטיקן דרויסן.

* * *

איך האָב געמוזט אַלט זיין אַ יאָר זיבן, ווען מיין שוועסטער, פייגע, איז געשטאָרבן, אַ יאָר נאָך איר חתונה. נישט לאַנג נאָך דעם איז מיין מאַמע געשטאָרבן.

מיין טאַטע, אַ צעבראָכענער פון די באַפאַלענע אומגליקן, האָט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן לאַנאָוויץ. אַזוי ווי ער האָט שטענדיק געפירט קאָרעספּאָנדענץ מיט באַוווסטע רבנים און יידישע געלערנטע, האָט ער געשריבן צום בענדערער רב, אַז ער וויל בייטן זיין וווינונגס־אָרט („משנה מקום, משנה מזל״ — — — ).

אין עטלעכע וואָכן אַרום איז אָנגעקומען אַ בריוו פון בענדערער רב צום טאַטן, אַז עס וואַרט אויף אים אַ רבנות־שטעלע, אין מאנזיר (בעסאַראַביע), נישט ווייט פון בענדער (אַרויסגענומען קיין באַלגראַד האָט מען אים נאָך מיין אָפּפאָר קיין אַמעריקע).

* * *

מאנזיר איז געווען אַ ליכטיק, זוניק בעסאַראַבער שטעטל.

מאנזיר האָט פאַרמאָגט אַ גרויסן, באַוווסטן וואַלד. די יידן — „באַלעבאַטים״ (אויפן רבנישן לשון) — זיינען געווען גוטמוטיקע מענטשן, תבואה־סוחרים (מערסטנס קוקורוזע־האַנדל); מער געזונט, ווי פרום — — —

אין דעם גרויסן הויז, וואָס מ׳האָט פאַר אונדז צוגעגרייט, איז אין אַ קורצער צייט אַרום אַריינגעקומען אַ צווייטע מאַמע — דאָס, וואָס מ׳רופט אָפט, מיטן פאַלשן, נישט גערעכטן נאָמען „שטיף־מאַמע״ — איר נאָמען איז געווען פריידע.

פאַר אונדז איז זי געווען דער סימבאָל פון אמתער גוטסקייט. זי איז געווען יינגער פון מיין טאַטן. געקומען איז זי פון מוראַדיקער אָרעמשאַפט, — פשוט, ערלעך, גרייט און וויליק אונדז צו זיין אַ געטרייע מאַמע.

עס איז געווען צו באַוואונדערן, ווי אַזוי איר פנים פלעגט זיך ענדערן, ווען באַלעבאַטים און באַלעבאָסטעס האָבן זיך צו איר געווענדט מיטן טיטל „רביצין״. עס איז אויך געווען זייער רירנדיק, ווי מענטשן, וואָס האָבן זי געקענט אַלס אַן אָרעמער אלמנה, וואָס

האָט געווינט אין אַ פאַרוואָרפן געסל, מיט אירע אָרעמע עלטערן, האָבן אָן פּניות, פאַרגינעריש, מיט אמתן דרך ארץ, ביי אַלע גע־לעגנהייטן זי גערופן רביצין: — „אַ גוט־שבת רביצין", „אַ גוט־יום־טוב רביצין" — — — עס איז געווען קענטיק, אַז ס'טוט זיי באמת הנאה, וואָס אַן אָרעמע פשוטע פאָלקס־פרוי איז דערהויבן געוואָרן צו זיין אַ רביצין — — — אין אַזוינע מאָמענטן האָט זיך איר פּנים צעשטראַלט, אויסדריקנדיק פאַרלעגנהייט, שעמעוודיקייט און דערהויבונג.

* * *

מיין טאַטן האָב איך ליב געהאַט מיט דער ליבע פון פאַר־ערונג און באַוווּנדערונג. דאָס איז געווּיס געקומען פון זיין באַצי־אונג צו מיר ווי צו אַ דערוואַקסענעם. ער האָט קיינמאָל נישט גע־זוכט אַרויפצוצווינגען אויף מיר און אויף קיינעם נישט, זיין אוי־טאָריטעט, נישט דעם טאַטעשן, נישט דעם רבנישן.

אין חדר בין איך געגאַנגען נאָר אַ פּאָר זמנים. אין די איבע־ריקע יאָרן האָט דער טאַטע מיט מיר געלערנט, אָנהויבנדיק פון תנ"ך, דערנאָך גמרא, אפילו פּוסקים (נישט דערפאַר, וואָס ער האָט דערוואַרט, איך זאָל אַמאָל זיין אַ רב — פאַרקערט, ער האָט עס גאָרנישט געוואָלט... געוואָלט האָט ער, איך זאָל זיך גרייטן צום ווילנער יידישן לערער־אינסטיטוט).

זיין השפּעה אויף מיר איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע, נישט בלויז אין לערנען, נאָר דורך זיין צוגאַנג צו מענטשן בכלל, אַרויס־רופנדיק ביי קליין און גרויס די אייגענע ווירדע צו זיך אַליין און אחריות צו זיך און צום כלל.

* * *

מיין ערשטער רוסישער לערער איז געווען ב. ריווקין, דער ליטעראַטור־קריטיקער, וועלכער האָט דאַן געווינט אין מאָזיר.

ער איז געווען זייער יונג. ער האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ רוסישן סטודענט מיט זיין פאַרטיפטקייט אין ליטעראַטור און אין חלומות פון בייטן די וועלט אויף אַ שענערער.

מיט מיר האָט ער גערעדט, נישט ווי מיט אַ שילער, נאָר ווי מיט אַ חבר. דער אמת איז, אַז דאָס לערנען איז באַשטאַנען אין לייענען מיט מיר דעם „וואָסכאָד", דערצו האָבן מיר מער גערעדט ווי געלערנט — און אפשר באַשטייט אין דעם דאָס אמתדיקע לער־נען... מיר האָבן זיך אָפּט פאַרגעסן און איבערגעגאַנגען אין רעדן פון רוסיש אויף יידיש...

ער האָט מיר זייער צוגעטראָפן, מיט זיין „נביאות", אַז די וועלט וועט באַפרייט ווערן דורך אַ פרוי, אַ משיחטע. דאָס איז מיר זייער געפעלן געוואָרן...

* * *

נאָך דער נישט־געלונגענער 1905־רעוואָלוציע און די נאָכ־פאָלגנדיקע פּאָגראָמען, איז געווען מיין טאַטנס ווילן, איך זאָל פאָרן קיין אַמעריקע.

אין 1906, אַנשטאָט צו פאָרן קיין ווילנע האַלטן עקזאַמען אין ייִדישן ווילנער אינסטיטוט פאַר לערער אין ייִדיש־רוסישע שולן, צו וועלכן איך האָב זיך געגרייט, האָב איך זיך געטראָגן אויף די שטורעמדיקע כוואַליעס פון מיליאָנענדיקער ייִדישער עמיגראַציע. גאָר אַ גרויסער טייל איז באַשטאַנען פון יוגנט, וואָס האָט גע־בראַכט מיט זיך אַ שלל מיט טאַלאַנט, — יונגע, פרישע, שעפערישע כוחות און הונדערטער טויזנטער יונגע, מיטל־יאָריקע און עלטערע מענטשן. — און וואָס דאָס יונגע לאַנד האָט זיך געגוויטיקט, איז אין „הענט" פאַר די פינצטערע סוועט־שעפער — די טויערן פון אַ נייעם מין גיהנום האָבן זיך צעעפנט פאַר מיליאָנען אַנגעקומענע, דערשראָקענע, פאַרלוירענע און איך בתוכם.

* * *

מיינע יאָרן אין אַמעריקע, מיט אַלע צרות און פּיינען, כל עבודת־פרך, ראַנגלענישן, קריזיס, אַרבעטלאָזיקייט, הונגער, ביז פאַרצווייפלונג, וואָס דערפירט צו דער גרענעץ פון זעלבסטמאָרד. די בעסערע יאָרן, די שעפערישע, די פרייִדיקע פון אויפהערן שרייבן אין באַהעלטעניש (שרייבן און צערייסן), ביז איך בין אַריין אין דער „חברה" „יונגע", מיט און אָן געגנדזן־פּיסלעך, ווייל אַלע זיינען געווען יונגע. דער אויפברויז און דער אימפּעט פון אויפגיין, בליען און וואַקסן, אַפילו אונטער די אומגינסטיקסטע באַדינגונגען, האָט געשפּאַרט מיט אַ כמעט־איבערנאַטירלעכער קראַפט פון צענדליקער פרילינגס.

דאַן, דאָס דערשיינען פון דער „פרייהייט", מיט די בעסטע לי־טעראַרישע כוחות, קאַמפן, אויפשוווּנג, טעותן; גרעסערע און קלע־נערע ריסן, גרויסע און קליינע ווייטיקן, פאַרדרוסן און אויך פריידן און יובל פון אויפטו.

צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן האָט מיט מיר געטראָפן, אַז איך בין אַלט געוואָרן פינף־און־זיבעציק יאָר... און ווי אומדער־וואַרט און שנעל דאָס איז געקומען! — — — איך האָף, אַז אַבי גע־זונט, וועט אַן אויטאָביאָגראַפיש בוך וועגן מיין לעבן אין אַמערי־קע און מיינע פילצאָליקע, דורך יאָרן, געשאַפענע פריינט, זיין אַן אַדערויף אויף די צווייטע פינף־און־זיבעציק יאָר...

פּאַריז, נאָוועמבער 1964.

# פּאַריז

# מ י ר

מיר, מיר, מיר — דאָס לעבן זיינען מיר!
אָ, מיר אַלע, זיינען אָן אַ שיעור!
דער טויט — פאַרשפּילט, פאַרלירט,
ווייל מיר זיינען אָן אַ שיעור...
ווי צייט און רוים, ווי וואָר און טרוים —
דאָס לעבן אייביק זיינען מיר...

ווי רוישיק וואַסער שטראָמען מיר,
ווי פייגל אין די רוימען פליען מיר.
ווי די דערנער וואַקסן מיר,
ווי די בלומען בליען מיר, —
מיר צוזאַמען, אַלע מיר —
דאָס לעבן זיינען מיר!...

(פון „שטורעמס און רעגנבויגנס”)

## אַ נעם מײַן ליד!

איך האָב געהערט אַזױפיל װוּנדער װעגן דיר דערציילן,
ס׳איז איינעמס פון דעם צוױיטנס לויב באַגײַסטערטער, אַנטציקטער
און איצט שטיי איך און גאַף — איך מוז מיט אַנדערע זיך טיילן.
געװוּנסט, באַזיגסט, און איבערגליקלעך איז ער, דער באַזיגטער.
אַז אַלץ, װאָס איך באַגעגן, איז אַן פּוץ, איז װי נאַטור.
ביסט עכט און אמתדיק אין שײנקייט דײַנער. כ׳זע, ס׳איז װאָר:
עס איבערצייגט װי מאָנאַ־ליזאַ־שמייכל. כ׳פיל, עס דרינגט
צו מיר אין האַרץ אַרײַן און עפּעס אין מיר פרייט זיך, זינגט:
פּאַריז, דו צויבערין, דו זיגערין.

ביסט פראַנקרייכס שטאָלץ, דיך רימט די װעלט, האָסט מיט װאָס שטאָלצירן.
דורך אַלע שװערע פּײַנען האָסטו זיך פון לעבן נישט דערװײַטערט.
ס׳האָט רשעות קיינמאָל נישט געקענט לאַנג איבער דיר רעגירן;
דײַן יעדער װידערשטאַנד געהויבן האָט דײַן מוט, געלײַטערט.
עס טראָגן דורותדיקן חלום, צוזאָג און באַטײַט,
די װערטער פּראָסטע, קלאָרע: „פרײַהײט, גלײַכהײט, ברידערלעכקייט״,
װאָס האָסט פאַרקריצט אין מאָנומענט, אויף פּלאַס־דע־לאַ־באַסטיל.
איך װײס, דו גייסט מיט דרייסטן גאַנג צום דורכפיר פון דײַן ציל —
פּאַריז, דו צויבערין, דו זיגערין.

דײַן העלדן־מוט דערציילן מאָנומענטן און סטאַטוען.
פאָנטאַנען אין די סקװערן מורמלען שטיפעריש און ריידן —

עס רעדט צו דיר דורך זיי דער שאַפֿנדיקער מענטש, דער גאון.
דו הערסט, עס איז דיר גוט און ווילסט זיך נישט מיט זיי צעשיידן.
צעטומלט פֿון באַוווּנדערונג, ווי צוגעשמידט צום אָרט,
פֿאַרכאַפּט מיך האָט דיין סקוועער פֿון סקוועערן — פּלאַס־דע־לאַ־קאָנקאָרד,
דיין טולערי־פּאַרק ; דיין רחבותדיקער שאַנז־עליזעי,
אַזױפֿיל שיינקייט מענטשלעכע, עס טוט דאָס האַרץ אַזש וויי,
פּאַריז, דו צויבערין, דו זיגערין.

געדולדיק גייסטו צו דעם מאָרגן ליכטיקן און העלן.
אין אַלץ, וואָס טוסט, איז דאָ דער מענטש. דו לאָזט נישט, אַז דער עבר
באַהערשן זאָל דיין לעבן, דיר דעם וועג פֿאָרויס פֿאַרשטעלן —
דער עבר און דער היינט בשלום לעבן אין דיין לוווּר.
מיר דאַכט, דו שמייכלסט שטענדיק קלוג, באַזינגט, ווייל ווייסט דעם ווערט,
דעם אמת פֿון דעם מענטשנס גליק און זיין דאָ אויף דער ערד ;
ס׳איז מענטש, ס׳איז לעבנס זין, ס׳איז מענטשלעך יום־טובדיק געמיט, —
אָ, נעם און וועב אַריין אין דעם, אויך מיין עקסטאַז, מיין ליד —
פּאַריז, דו צויבערין, דו זיגערין.

## ווי לאַנג עס וועט נאָך אומרעכט זיין

עס דרינגט באַרויבטנס זיפץ צו מיר אין האַרץ אַריין.
איך שטיי און וואַרט — עס דרייט דאָס לעבן זיך אין קרייזן —
איך ווייס: — ווי לאַנג עס וועט אין לעבן אומרעכט זיין,
וועט גליק דאָס לויטערע, פאַר קיינעם זיך נישט ווייזן.

די עוולה שרייט, ווי שטיל מען זאָל זי נישט באַגיין.
און שווייגט באַליידיקטער, טוט צווייטער פאַר אים שרייען,
עס איז נישט מענטש פאַר זיך אַליין, נישט פאָלק אַליין,
נאָר איינער וועט דעם צווייטן העלפן זיך באַפרייען.

עס גייט מיר אָן די וועלט. ווען ס'לעבן ווערט פאַרשוועכט,
פיל איך געשענדט. דער מענטש — זיין לעבן איז דער עיקר.
ווי שיין ס'איז מענטש, ווען ער איז ערלעך און גערעכט!
ווי לאַנג, ווי לאַנג וועט הערשן נאָך דער אונטערדריקער?

איך הער מיליאָנענדיק געברום אין שלאָף ביינאַכט,
צי ברויזט אַזוי דער צאָרן קעגן מאַכט ברוטאַלער?
איך וועל אַרויסגיין זען, מיר דאַכט, דער ריז דערוואַכט, —
דער ריז פון ריזן, וועמנס נאָמען ס'איז — מ י ר  אַ ל ע.

פּאַריז, 1957.

## איך בעט זיך ביי מיין ליד

געזאַנג, דעם לעבנס אַ געשאַנק איז הייליק —
אַן אוצר פאַרן פאָלק — ס'איז זיין פאַרמעגן.
אין זינגערס ליד האָט יעדערער אַ חלק, —
זיי אמתדיק ווי ערד, ווי זון און רעגן.

זאָלסט אין קונציקע אימאַזשן זיך נישט צירן,
ווערטער, וואָס אַנטפּלעקן נישט — פאַרשטעלן.
מייד אויס נעפּלען און מיראַזשן — זיי פאַרפירן.
קונסט־כוהנים פאַלשע, דאַרפסטו נישט געפעלן.

פאַרפּלאָנטער נישט, לאָז פריי ווי פרילינג־שטראָמען
דיין געזאַנג. עס דאַרף דער אמת נישט קיין שלייער.
גיי צו מענטש און לעבן מיט אַן אָפן פנים.
דיין געזאַנג זאָל מאַכן גרינג די טריט פון גייער.

די לאַסט פון טעג איז שווער צו טראָגן יעדערן באַזונדער.
מיט כלל צוזאַמען, ברייטער איז דער וועג, די משא — גרינגער.
געזאַנג אין וועג מאַכט לייכט דעם גאַנג, פילט אָן די טעג מיט וווּנדער,
און ווער עס זינגט, נישט נאָר פאַר זיך אַליין, אַז וויל דעם זינגער.

# פאָלק און פרילינג אין װענסענער װאַלד

עס האָט װענסענער װאַלד אין אײנעם אַ באַגין
פאַרפלײצט מיט ריחות פרישע אַ פאַריזער געגנט.
צעשפּילט האָט פרילינג זיך מיט טױזנט מינים גרין;
עס האָט די נאַכט מיט דופּט און טױ גערעגנט.

ס׳איז יום־טוב־טאָג. עס װאַרט פיל־מײלנדיקער װאַלד —
אַ װעלט, אַ פרײע, אָפענע, אָן טיר, אָן שלאָס.
עס װאַרט דער טײך — שטיל־פליסנדיקער עמעראַלד.
װענסענער װאַלד װי פאָלק איז שײן און רײך און פּראָסט.

* * *

װען ס׳האָט פון בלױלעכן קאַיאָר זיך אױסגעשײלט
דער װאַלד, האָב איך געשפּאַנט שױן אױף די שמאָלע שטעגן.
װענסענער װאַלד האָט מיר דעם כבוד צוגעטײלט:
דעם יום־טובדיקן פאָלק, דער ערשטער גײן אַקעגן.

עס שטראָמט דאָס פאָלק פון מזרח, מערב, צפון, דרום —
דער װאַלד איז ברײט און לאַנג און הױך, אָן צאַם, אָן װענט.
עס טראָגן טאַטע־מאַמע — קינדער אױף די אָרעמס
און זײדע־באָבע — פירן קינדער בײ די הענט.

עס קומען דורות, יונג און אַלט אין יום־טוב קלײד.
עס קומט דאָס פאָלק, װי צו אַ פרײנט, װאָס לאַנג שױן קען ער.
װען לופט װערט פול מיט פרײד און שפּיל פון קינד־און־קײט,
דאַן װערסטו שײנער װאַלד װענסענער — שענער.

פאַריז איז שײן, נאָר פאָלק און װאַלד — געזונטער, עכטער.
אַ, מענטש פון מי, דײן יאָך פון װאָך איז װײט פונדאַנען.

דאָ איז נאָר בוים און גראָז און מענטשלעכער געלעכטער
און פרייד־געשריי ביים שפּיל פון קינדער אויף די לאַנען.

אין לופט, — געמיש פון ריחות, האַרב און האָניק־זיס,
פון בלימלעך וואַלדיקע און קרייטעכצער און שוואָמען;
פון גראָז, פאַרשווענדעריש געשפּרייט אונטער מענטשנס פיס,
און דופט פון וואַסער־ליליעס אויף פלאַכע שטראָמען.

דאָס פאָלק פילט היימיש דאָ, מיט טייך, מיט באַרג און טאָל.
די קינדער — ווי זיי וואָלטן דאָ כסדר ווינען.
נאָר ווער ס'איז פרעמד און קומט אין וואַלד צום ערשטן מאָל,
פאַררייסט דעם קאָפּ צו זען די הויכעביימער־קרוינען.

ביים ברעג די קאַטשקעס טומלען, מ'זאָל זיי נישט פאַרגעסן.
די מאַמעס דרויבלען ברויט און וואַרפן זיי די שטיקלעך.
די קינדער פרייען זיך: „אָ, מאַמע, זע, זיי עסן!"
און פרייען זיך די קינדער, זייַנען מאַמעס גליקלעך.

אינמיטן טייך, עס שווימען לייכט און גראַציעז,
די העלדזער אויסגעבויגן שטאָלץ — די שוואַנען ווייסע —
ווי פון אַ לאַנד, אַ ווייטן, אָנגעלייגטע געסט, —
אַזוי דערציילט וועגסענער וואַלד, דעם פאָלק אַ מעשה.

איך שטיי, ווי יעדערער, פאַרגאַפּט. עס שווימט מיין בליק
דאָרט מיט דעם שטראָם פון טייך, צוזאַמען מיט די שוואַנען
און פלוצים טוט ביי מיר אין האַרצן טיף אַ פּיק
אַ גרויל־געשפּענסט פון קריג און באָמבע־עראָפּלאַנען...

אָ, פאָלק, מיין פאָלק און יעדער פאָלק פון גאָר דער ערד,
דער וועלטס באַשאַפנדיקער כוח, מייסטער־בויער, —
אין אייך מיין לעבנס־זין, מיין מענטשן־שטאָלץ און ווערט
אין אייך מיין קראַפט, מיין גלויבן, זיכערקייט און דויער.

פאַריז, 1961.

## אַ ליד — אַ בריוו

איך שרייב מיין ליד צו יעדן,
ווי מען שרייבט צו אייגענע אַ בריוו, —
פשוט, אמתדיק, פון האַרצן —
אַ ליד — אַ בריוו.

איך וואָלט וועלן — אין היימען מענטשלעכע
זאָל מען זיך דערפרייען מיט מיין ליד,
ווי מען פרייט זיך מיט אַ בריוו
פון נאָענטע, אַ קרוב, צי אַ קרובה —
אַ בשורה־טובה.

איך וואָלט וועלן, אַז מיינס אַ ליד
ווען גרייכן אין די היימען,
זאָל איינער דאָס אַ נעם טאָן
לייענען אויפן קול.
און קומט ווער אָן אין מיטן,
לאָזט מען שטילערהייט,
מיט פריידיקן געמיט, אים וויסן:
„אַ בריוו פון מילערן — אַ ליד".

פּאַריז, 1964.

## דאָס גוטע — דער מענטש

איך גלויב אין דעם גוטן —
ער געטרויט נישט דעם רשע,
ער שטעלט זיך אים אין וועג
און וואַכט און היט
יענעמס בייזע טריט.

רשעות בויט נישט פאַר קיינעם,
עס קומט צום גרייטן
באַפאַלן און צעשטערן —
דער רשע — פּאַראַזיט.

מענטש — דאָס גוטע,
ערלעכע אין לעבן,
לאָזט נישט רשעות זיך פאַרשפּרייטן, —
מענטש דערהערט אַ קינדס געוויין,
אַ רוף־געשריי נאָך הילף.

חשבון מאָנט ער, נישט נאָר פאַר זיך —
פאַר אַלץ, וואָס ווערט געטאָן אַ צווייטן.
ער ווייסט נישט פון פאַרגעבן און פאַרגעסן,
ווייל יעדנס ווייטיק טוט אים וויי.

פּאַריז, 1964.

## דער אייביק־ברענענדיקער דאָרן

(אין אָנדענק פון אפרים קאַגאַנאָווסקי)

**דער שפּעפערישער גייסט, דאָס קינסטלערישע וואָרט,**
**וואָס דרינגט אין האַרץ און רירט אָן סטרונעס דאָרט,**
**נאָך קיינמאָל פריער נישט באַרירט געוואָרן.**
**אַ רעגונג, צאַרט, וואָס נישט דערוואַרט און נישט געאַנט,**
**גייט אויף אין מענטשנס האַרץ, אין בלוט, אין זיין פאַרשטאַנד —**
**דאָס ליכט פון אייביק־ברענענדיקן דאָרן.**

**דער גייסט, וואָס ווייזט דעם מענטש זיין ווערט, ביז ער דערשפּירט**
**דעם זין פון זיין, און נייע קראַפט אין אים וויברירט,**
**ווי אינעם ווינט אַ פעלד מיט זאַנגען־קאָרן.**
**באַקאַנט און ניי, ווי יונגע בליאונגען אין מאַי,**
**זיך ווייזט דער גייסט כסדר — אַנדערשדיק און ניי —**
**אין פלאַם פון אייביק־ברענענדיקן דאָרן.**

**דאָס שפּעפערישע — פאָלק מיט פאָלק פאַרבינדט.**
**פאַרטרייבט די פינצטערניש, וואָס מאַכט דעם מענטשן בלינד,**
**און קעגן רשעות וועקט גערעכטן צאָרן.**
**דער גייסט — ער טרייבט דאָס לעבן אין אַ קרייז פאָרויס,**
**ר׳איז אויך דער שמייכל פונעם קינד אין מוטערס שויס —**
**אין שיין פון אייביק־ברענענדיקן דאָרן.**

**דאָס מענטשלעך־לויטערע, דער שטראַלנדיקער שיין.**
**דאָס גוטע און גערעכטע — זין פון מענטשנס זיין.**
**דאָס בייז וועט אונטערגיין אין גאַנג פון יאָרן.**
**עס בלייבט דאָס קינסטלערישע וואָרט, וואָס צייט פאַרשרייבט;**
**די פרייד פון שטענדיק־שאַפנדיקן גייסט, פאַרבלייבט —**
**דער סנה, דער אייביק־ברענענדיקער דאָרן.**

# מאַמע־רעפּובליק

.1

פאַרפינצטערט און פאַרשעמט שטייט מאַמע־רעפּובליק, —
זי האָט געזען, ווי ס׳האָבן מערדער־הענט דערשטיקט
די קינדער אירע, טרייע; זיי מיט מאָנסטער־פּיס
צעטראָטן אויף די שטיינער, אין די גאַסן פון פּאַריז *).

זי טרעט אַראָפּ אין אַנגסט פון הויכן פּיעדעסטאַל,
זי כאַפּט מיט האַסט אויף זיך דער נאַכטס אַ שוואַרצן שאַל,
זי יאָגט און זוכט ביי בלינדע ווענט, אויף קרומע טרעפּ,
וווהין רציחהדיקע האַנט האָט זיי פאַרשלעפּט.

זי ברענגט זיי אויף די אָרעמס, ווי אין מאַמעס שויס.
פון ברעג צו ברעג, אויף פּיעדעסטאַל זי לייגט זיי אויס. —
זי ציילט זיי: איינס און צוויי און דריי און — נאָך — און נאָך —
זי ברעכט די הענט און יאָמערט אויף איר גרויסן בראָך:

ווי גרויס עס איז מיין שרעק, איז גרעסער נאָך מיין צער.
עס שלאָפט מיין פאָלק פאַרפלאָנטערט אין אַ נעץ פון טויט־געפאַר,
וואָס שונא האָט פאַר אים געשפּרייט. — מיין פאָלק, דערוואַך!
און הער, עס רופן דיך „מאַרטירער דיינע אַכט״!

---

*) דער מאַסן־מאָרד, וואָס די פאַריזער „היטער פון געזעץ״ האָבן דורכגעפירט אין אָוונט פונעם 8־טן פעברואַר, 1962, איז פאָרגעקומען אין דער געגנט פון „פּלאַס דע לאַ רעפּיבליק״, נישט ווייט פון דער סטאַ־טוע „רעפּובליק״, וואָס פּאַריז האָט אויפגעשטעלט אין יאָר 1883.

.2

ס'האָט פאָלק פון שלאָף זיך אויפגעכאַפּט. עס האָט דערפילט
דעם שווערן קלאַפּ, דעם טיפן שניט אין לייב און ביין.
עס ברענט די ווונד, נאָר צווישן ציין — געשריי פאַרקריצט
און טיף אין זיך — געברום, אַ שטיל, פאַרשטיקט געוויין.

ס'האָט קיינער גאָר צו קיינעם נישט געזאָגט: „איך וויל"
און נישט געוואַרט אויף עמיצנס אַ רוף: „שטעל אָפּ".
נאָר ווי פון זיך אַליין איז ראָד, מאַשין, טורבין;
גערויש, געלאָף, געפּלי — געבליבן שטום און שטיל.

פאַרשוווּנדן איז די שרעק פאַר מערדערס הפקר־האַנט.
פון שטאָט, פון לאַנד — און נישט גערעדט און נישט געפרעגט, —
ס'האָט מענטשן־שטראָם פאַריז פאַרפלייצט און זיך געשפרייט
פון ברעג צו ברעג, אין שטילן טרויער זיך באַוועגט.

.3

אינדערמיט פון בייזן ווינטער,
טעג פון שרעק, ווען שונא לויערט,
פאָלק דערוואַכט האָט, און פאַרביטן
טויט און אומגליק אין אַ נס.

האָבן גאַסן, הויז און מויער;
קאַלטע ערד און גרויער הימל,
ס'האָט דער גאַנצער רוים צעבליט זיך
אין איין איינציקן מעת־לעת.

ארונס, ארונס, הייליק לעבן, —
בלומען־בייטן פון פאָלקס טרויער —
שוועבן איינער נאָכן צווייטן,
צו דעם טויער פּער־לאַשעז.

4.

פאָלק האָט אויפגעוואַקסט, געשעען ווונדער —
שמאָלע שטראָמען גיסן זיך צוזאַמען, —
קיינער גייט נישט מער פאַר זיך באַזונדער.

אָן געזאַנג, אָן ווערטער, נאָר אַ ברומען.
ווי איין שטראָם. מיליאָנען טריט אינאיינעם.
דורות פאָלקס־פאַרדראָס אין צאָרן שטומען.

שטילע, ווייכע טריט אויף קאַלטע שטיינער.
בליטן ציטערן אין רוים, ווי טרערן
אויף די וויעס פון באַווויינער.

נישט קיין ווייענדיקע שוואַרצע פאָנען, —
אויך אין טיפן טרויער בליט דאָס לעבן.
אין דעם ווייס און רויט — מאַרטירער־בלומען —
זע, עס העלט דער זאָמען פאַר אַ נייער וועלט.

פאַריז, מערץ, 1962.

# דער תיקון פון אַ ליד

ביסט געקומען אויף דער ערד דאָ,
אינעם טאָג פון מיין געבוירן —
ליד מיינס, אייביקע באַגערטע.
ביסט מיט מיר, דו ביסט מיין גורל,
איך — דיין שטענדיקער באַשערטער.

איידער נאָך דו זינגסט, פיל איך עס.
כ׳בין דעם לעבנס אַ שליח,
מענטש איז לעבנס גרעסטער יחוס, —
זינג דעם מענטש און זינג דאָס לעבן,
זינג און פעלש נישט דיין שליחות.

מאָלט דער מאָלער נישט פאַר יעדן?
שפילער שפילט פאַר זיך אַליין נאָר?
וואָס מער זעער נאָר עס גאַפן,
ווערט פיל שענער נאָך דאָס שיינע,
וואָס דער קינסטלער האָט באַשאַפן.

ניגון גאַרט געהערט צו ווערן,
פאָלק דיינס וויל, זאָלסט אים דערפרייען,
אים דערהייבן און באַגליקן.
פאָלק און פעלקער וועלן הערן,
קריגט דיין ליד ערשט דאַן דעם תיקון.

פאַריז, 1962.

## ווען פֿאַראייניקט זײַנען אַלע

וואָס איז ליד, אויב נישט אַ זעאונג?
אויג באַגליקט מיט שאַרפֿער ראיה.
ליד, זאָג אָן דאָס ליכט, דאָס העלע, —
דריי זיך, ערד, און זאָל וואָס שנעלער,
ליכט פֿאַרפּלייצן אַלע וויעס.

וואָס איז ליד, אויב נישט נביאות?
ליד מײַנס, ברענג אונדז איצט די ווייטן, —
זען זאָל יעדער, אויך די קינדער.
ליכט פֿון זעאונג זאָל אַ שנייד טאָן
אין די וויעס פֿון די בלינדע.

ווער קאָן מעסטן אונדזער כּוח?
מעסט מען טראָפּנווייז די כוואַליעס
פֿון די ברייטע, טיפֿע ימען?
ציילט נישט אײנציקווייז אונדז אַלע, —
מעכטיק זײַנען מיר צוזאַמען.

ניין, נישט אַלע נאָך צוזאַמען, —
וויפֿל נאָך האַלב־בלינד, קורצזיכטיק!
מענטשנס שונא שפּרייט טומאַנען,
קנוילן רויך צו פֿאַרהוילן
דעם באַגין, וואָס גייט אויף ליכטיק.

דער טומאַן, ער ווערט צעריסן.
נײַע זון וועט אַלץ באַרירן.
ליד, מײַן ליד, אָ, ליד פֿון אַלע,
גיי פֿאָרויס און קלאַפּ אין טירן —
זאָלן אַלע, אַלע וויסן:

— הערט געזאַנג פֿון די מיליאָנען,
פֿרידלעך, זיכערע זײַ גייען

פונעם יינגסטן ביזן עלטסטן.
איצטער ציילט מען נישט קיין רייען —
זאָל מען אונדזער כוח מעסטן.

לאָז נישט, פאָלק, זיך מער צעטיילן,
וועט פאַרשווינדן שונא בייזער.
נס פון גאַנצקייט ווערט נתגלה,
מענטש ווערט אייגענער דערלייזער,
ווען פאַראייניקט זיינען אַלע.

— — — — — — — — — — — —

וואָס איז ליד, אויב נישט אַ זעאונג?
אויג באַגליקט מיט שאַרפער ראיה —
ליד, זאָג אָן דאָס ליכט, דאָס העלע,
דריי זיך, ערד, און זאָל וואָס שנעלער
ליכט פאַרפלייצן אַלע ווייעס.

פאַריז, 1962.

## פאַרשפּעטיקטער פרילינג

.1

נו, אַ ווינטער, — אוי, אַ ווינטער!
נישט אַזוי קיין פרעסט און שנייען,
ווי עס נעצט פון גרויע הימלען.
נאַסע, בייזע, רויע קעלטן
עסן זיך אַריין אין מענטשנס ביינער.

ס׳האָט די זון, פאַריז, זיך ווו פאַרגעסן,
צי פאַרשפּילט זיך מיט די יונגע סקיער, —
שפּרייט זי בלענד — פילפאַרביקע קרישטאָלן;
איבער ווייסע בערג און טאָלן, און די פליער
מיט באַוואונדערונג באַגלייט זי.

טרעפט פאַרנאַכטן, הימלען האָבן
אויף אַ רגע רעשיק זיך צעצונדן,
ווי פאַרבענקטע נאָכן פרילינג, דעם פאַרזאַמטן, —
שנעל זיך אויסגעלאָשן גרוי און אַשיק
און פאַרשוווּנדן אָן אַ צוזאָג.

שלעפּט די בויט דעם ווינטער אויף די פּלייצעס,
ווי מען טראָגט אַ זאַק מיט קוילן
איבער אַלטע טרעפּ, וואָס קרעכצן.
מענטשן, מיד פון וואַרטן אויפן פרילינג,
שאָקלען מיט די קעפּ און זיפצן:
נו, אַ ווינטער, — אוי, אַ ווינטער!

.2

מיטאַמאָל, אין אַ פרימאָרגן
האָט אַ זון, אַ יונגע, זיך באַוויזן

אין די גאַסן, אויף די דעכער,
אויף סטאַטועס און קאַרניזן;
אַריינגעקוקט אין היימען אָרעמע,
דורך שויבן פון די צוגעמאַכטע פענצטער.

מענטשן, צו דער אַרבעט פרי־דערוואַכטע,
פון די טירן אָפענע אין גרויס געאייל,
צום קאַלטן טאָג געגרייטע — קוקן זיך אַרום
דערפרייטע פון דער זוניקער בשורה, נישט געריכטער.
הייבט מען אָן געלאַסענער צו גיין
און עס שמייכלען מענטשלעכע געזיכטער.

.3

אָ, זע־נאָר, זע־נאָר, זע!
פון וואַנען האָט דאָס גרינס זיך דאָ גענומען?
און די ביימלעך — זיינען פריער דאָ געשטאַנען?
און טולפּאַנען שוין פאַראַנען — ווײַ, ווי שנעל!
די קאָלירן, רויט און ראָזע, ווייס און געל.

ווי גרין און פריש דאָס גראָז איז. נעכטן, דאַכט זיך,
איז די ערד געווען דאָ נאַקעט, גרוי ווי ליים.
סיידן ס׳איז ביינאַכט געוואַקסן אין געהיים,
אָדער ס׳האָט דער פרילינג אַלץ מיט זיך געבראַכט...

אָ, זע־נאָר, זע־נאָר, זע!
ווי חנעוודיק די קנאָספּן אויף די צווייגלעך,
שטעקן צינגלעך שפּיציקע, פאַרשייט אַרויס.
און די מענטשן, די פאַרהאָרעוועטע זעען אויך
גאָר אַנדערש אויס. קינד־און־קייט — דערפרייט.

אַך, ווי שנעל דער מענטש פאַרגעסט דאָס שלעכטס
און לאָזט זיך גרינג, פון גוטן, איבערבעטן, —
טוט די זון אַ שמייכל, טוט אַ שפּיל אַ שטראַל,
שטעלט מען אויס דאָס פּנים, זיך צו לאָזן גלעטן...

# אַ פּאַריזער טאָג אַזאַ

האָסט זיך באַפרייט, פּאַריז, פֿון נעצן־פּלאָנטער, קאַלטע טעג,
פֿון נעכט מאָוימדיקע, שאַרפֿער נאָך און קעלטער
און זע, ווי שיין די ניי־געבוירענע פֿרימאָרגנס זענען.
אַראָפּגעוואָרפֿן האָסטו יאָרן הונדערטער פֿון עלטער, —
אָט גיי איך אום, פּאַריז, און שמייכל — כ׳קאָן דיך נישט דערקענען.

אין איינעם אַ פֿרימאָרגן האָב איך אַלץ אין בלי געפֿונען,
אין זון־צעשטראַלטן טאָג, די לופֿט — פֿול ציטערדיקע טענער.
דער טאָג — אַ כוואַליענדיקער ים פֿון בליאונגען און קלאַנגען;
אין פֿאַרבן רויש און שוים פֿון נאַכט־פֿאָנטאַנען שפּילן יונגע זונען.
בייטאָג, ביינאַכט — פּאַריז, ווי אַנדערש ביסט אַצינד און שענער.

ס׳האָט היינט דער טאָג־פּאַריזער אַליין דערקלערט זיך — יום־טוב.
אַלע אין די גאַסן האָבן דאָס אַליין אין זיך דערוווּסט
און זיך דערפֿילט אַ טייל פֿון זון און בוים און בלום און קוסט, —
דער צווייפֿלער האָט געפֿונען היינט פֿון נייער האָפֿענונג — אַ קוואַל,
ס׳איז טאָג פֿון גרויסן יום־טוב — דער ניט פּלאַנירטער פֿרילינג־קאַרנאַוואַל.

## אַ ליד וועגן גאָלדענעם מיקראָב

דער, וואָס נעמט פֿאַר זיך אַוועק
דעם שכר פֿון יענעמס מי —
באַווייזט זיך אין די אויגן זיינע,
אַזאַ קרענקלעך פּייערל — אַ גלי.

ביי אים אין בלוט כסדר ראַיעט אום
און לאָזט נישט רוען, אַ מין גאָלדענער מיקראָב
און שטענדיק הערט ער נאָר דעם זשום
פֿון פֿליג, דער גאָלדענער, ביי זיך אין קאָפּ.

עס טרעפֿט, אַז ער באַהאַלט פֿון מענטשנס אויג
זיין דורשט נאָך גאָלד — נאָר וואָס ער וויל
און וואָס ער הערט נישט אויף צו וועלן אין דער שטיל,
איז נאָך און נאָך און נאָך —

און דאָך, איך ווייס, אַז מען דערקענט
אין פֿאַלשן קול, אין אומרו פֿון די הענט,
די מיאוסע קראַנקייט, וואָס פֿאַרלענדט, —
מען זעט — עס ווערט אַ מענטש אין דורשט נאָך גאָלד —
פֿאַרברענט.

סען־זשערמען אַן לעי (פֿראַנקרייך).

## דאָס ליד פון אייביק־גוטן

עס האָט דאָס ליד נאָך איבער מיר געוואַכט אין וויג
מיין ליד — דער זין פון מיינע לעבנס־טעג.
עס ווייזט צו פאָלק און שלום מיר דעם וועג,
ווייל פאָלק איז אייביקייט, און שלום — לעבנס־זיג.

עס זאָגט מיר: גלויב. ווען ביסט גערעכט, דאַן מאָן!
דאָס שלעכטע, ווייס, גייט אום באַהאַלטן און פאַרשטעלט,
נאָר דו זאָלסט גיין מיט פנים אָפּענעם צו גאָרער וועלט.
זיי גוט, און ווען מען טוט דיר בייז — גרייף אָן!

דאָס שלעכטס איז שרעקעדיק, נאָר כיטרע און ברוטאַל.
עס רויבט פאַר זיך און גנבעט אין דער שטיל,
עס מאָנט דער גוטער, וואָס אים קומט און וואָס ער וויל,
און וואָס ער מאָנט פאַר זיך, דאָס מאָנט ער פאַרן כלל.

דאָס גוטע וועט זיך נישט „באַרימען”, אַז ס'איז שלעכט,
דאָס שלעכטע מאַכט דעם אָנשטעל, אַז ס'איז גוט...
דאָך ליגט דער אורטייל אין די מעשים, וואָס מען טוט,
און לעצטער זיג געהערט צו דעם, וואָס איז גערעכט.

דאָס גוטע גייט מיט מוטיק־זינגענדיקע טריט,
עס יאָגט פון וועג דאָס שלעכטע אין געוואָגטן גאַנג;
עס הערט זיך איבער גאָר דער ערד דאָס מוטיקע געזאַנג,
דאָס ליד פון אייביק־גוטן — דאָס זיגערישע ליד.

פּאַריז, 1961.

# „פלאָראַלי"

(צו דער פּאַריזער בלומען־אויסשטעלונג)

בלומען, פון אַלע טיילן לאַנד געקומען —
טורען, ברעטאַן, נאָרמאַנדי,
צום פּאַריזער יום־טוב:
„פלאָראַלי".

דורך בלומען פון צענדליקער לענדער,
פעלקער רעדן — בלום־און־בלי, —
בלומען און מענטשן — איין יום־טוב:
„פלאָראַלי".

בלומען און מענטשן, ערד און הימל,
ווינט און רעגן, שטערן און לבנה־טוי.
אַלע קאָלירן — אין בלום און אין בלימל —
מענטש איז אויך אַזוי.

פעלקער און לענדער, בשורות טובות שיקן,
בלומען, קאָלירן, אין זוניקן גלי, —
עקסטאַז פון מיליאָנען בליקן --
„פלאָראַלי".

קאָלירן פון בלומען דערפרייען זיך
פון קינדערשער פרייד, פון קינדערשן לאַך.
בלומען און מענטשן פאַרשטייען זיך —
זיי רעדן פון שלום די שפּראַך.

פּאַריז, אַפּריל־מאַי, 1964.

# פון מיין פענצטער

ס׳האָט דער ריזיק־גרויסער שול־הויף
אויף דער גאַס פון פירענעי
זיך צעלויכטן אין אַ טויזנט מינים גרין
און צעבליט זיך אין קאָלירן אַלערליי.

אונטער הימלען בלוי און העל —
מיידעלעך און יינגעלעך, קינדער־קולות,
שטראַליקער געלעכטער, בעז, יאַסמין
און דאָס זונליכט — לויטערער בורשטין.

בוים אוןביימער, שפיל פון ליכט און שאָטן,
גרינס און בליטן; פרילינג־בלי אין רוים.
פלאַמיק־פריידיק, פליגלדיקער פלי.
ווענט און פלויטן, ווי די ביימער, אויך אין בלי.

קולות, בליטן און די קינדער אינדערמיטן
אין דעם רוישיק־שנעלן טאַנץ־געדריי, —
אין דעם ריזיק־גרויסן שול־הויף
אויף דער גאַס פון פירענעי.

פון מיין פענצטער, קעגנאיבער שול־הויף,
שפיל איך מיט די קינדער אין דעם קאַראַהאָד,
כ׳טאַנץ מיט שווונג דעם שטריקל־טאַנץ־ און שפרונג
און כ׳לויף אַרום מיט זיי אין גרויסן ראָד.

* * *

אינדערמיט פון דעם געווירבל שפּאַנט אַרום
אַ נאָנע אין איר לאַנגן, שוואַרצן קלייד, —
זיך אַליין און אונדז — פאַרשטערן
אונדזער פרילינגדיקע פרייד.

פּאַריז, פרילינג, 1964.

## פרילינג אין פולער לבנה-נאַכט

עס וואַרט שוין די ערד, אַ דערוואַכטע, באַנייטע
צום פרילינג, אויף אַקער און זאָמען־פּאַרזיי.
פאַרמאַכטע די קנאָספּן, אויף צווייגן פוןביימער,
שטיל גיבן זיך איבער צו ווינטלעך פאַרשייטע, —
זיי לאָזן זיך צערטלען און ווערן צעעפנט
אין פיינלעכן תענוג, אין פריידיקן וויי.

אַ פולע לבנה, אַריבער די ברעגן,
צעפלייצט זיך אויף שליאַכן, אויף בוים און אויף דאַך.
די נאַכט שלאָפט אַ ווייסע, אַ נאַקעט־צעדעקטע,
געוועקט פון חלומות, וואָס רייצן און רעגן;
זי וואַרפט זיך אין אומרו פון גלוסטונג. ס'האָט פרילינג
ביי פולער לבנה, באַצווונגען די נאַכט.

פּאַריז, 1961.

## פער-לאַשעז — זיבן-און-צוואַנציקסטער מאַי *)

.1

דענקמאָל־שטאָט פון טויזנטער אומשטערבלעכע,
שטילער, פרילינגדיק־צעגרינטער פער־לאַשעז;
פאָלקס־באַליבטע גייסטער, נישט פאַרגעסענע.
כ׳לעז די נעמען: עליאַר, באַרביס; איך לעז —

מיט קאָפּ געבויגענעם — נעמען הייליקע,
נעמען, אונטער יעדן פרישן בלומען־קראַנץ,
אין געראַנגל, העלדיש אומגעקומענע,
פאַר דער פאָלקס־באַפרייאונג, אין דער רעזיסטאַנס.

דורך די ביימער שפרייט דער יונגער טאָג זיין ליכט.
איבער דענקמאָל־נעמען, אָפּגעהיט און צאַרט
שפרייט זיך, שטראַלט אויף גאָלדיק־גרין און העל.
מיינע טריט פאַרלירן זיך אין גראָז. איך וואַרט.

כ׳שטיי און וואַרט דאָ, ווי אַן אייגענער — אַ גאַסט.
ס׳איז באַקאַנט און אומבאַקאַנט מיר פער־לאַשעז,
דאַכט מיר, כ׳בין געוועזן אַמאָל דאָ, לאַנג, שוין לאַנג,
כ׳בין איצטער ווידער דאָ, יאָר ניינצן־פופציק־זעקס.

אָנגעלאָדן מיט דערוואַרטונג איז די לופט,
מיט דערוואַרטונג און מיט דופט פון יונגן בעז.
ווינטלעך ברענגען צו דער קאָמונאַרן־וואַנט
ווייכע, ווייטע טענער פון דער מאַרסעליעז.

---

*) קאָמונאַרן־טאָג, ווען די פּאַריזער אַרבעטער מאַרשירן צו דער קאָמונאַרן־וואַנט, וואָס געפינט זיך ביים אַריינגאַנג צום אינטערפעלקער־רישן בית־עולם פער־לאַשעז.

.2

מאַרסעליעז־געזאַנג יאָגט אָן, זאָגט אָן: זיי קומען!
מענטשן־גאַנג, געזאַנג און זון צונויפגעבלענדט.
ים פון פלאַטערדיקע זעגלען — רויטע פאַנען
אין געזונטע, יונגע מוסקלדיקע הענט.

גאַס און געסלעך, ווי פון טאַרבעס סתם צעשאָטן,
האָבן זיך געטאָן מיט מענטשן אַ צעבלי.
פנימער פון אַלט און יונג, ווי אויסגעקנאָטן
אין די לעבנס־נויטן, ווינט און שווייס און מי.

קינדער, ליכטיקע, פון אַרבעטער פראַנצויזן
טראָגן בינטן בלומען רויטע, פריש־צעבליט.
קינדער־חן פּאַריזער, דופט פון רויטע רויזן,
רויט פון פאַנען, בלומען, קאָמונאַרן־ליד.

דורות יורשים פון פּאַריזער קאָמונאַרן,
זין און טעכטער, טרייע בויער פונעם לאַנד,
אין דעם לאַנדס געראַנגל, דורותדיק דערפאַרן,
שטראָמען ציל־באַוווסט צו קאָמונאַרן־וואַנט.

.3

מיד פון גיין ביז זונפאַרגאַנג האָט טאָג גענומען פאַלן
צו דער קאָמונאַרן־וואַנט און דאָרט געבליבן קניען.
אויף די דענקמאָל־נעמען לעשן זיך שוין לעצטע שטראַלן.
דופט פון רויזן, דעמערונג און סוף־מאַיאיק בליען.

אין דעם שטילן בלוי פון אָוונט, ליכטיקן געשטאַלטן —
העלדן, יעדער פון זיין צייט און לאַנד מיט פרייהייט־פאַנען.

צייטן פינצטערע, פון זיי צעבליצטע און צעשטראַלטע;
לעבנס אָפּגעגעבענע פאַר דער פרייהייט פון מיליאָנען.

נעמט מיך דורך אַ ציטערדיק געפיל, ס׳איז יעדער נערוו אַ סטרונע
כ׳שטיי אַזוי פאַרלוירן, אין ערפורכט דעם קאָפּ געבויגן.
טוט אַ פלייץ מיט ווייסן ליכט סוף־מאַיאיקע לבנה,
שליסט דאָס בלענדנדיקע ליכט מיר צו די אויגן.

כ׳שטיי מיט צוגעמאַכטע אויגן, אַלץ אין מיר איז ליכטיק.
כ׳הער אַ קול, עס דרינגט פון מיר און קומט צוריק פון ווייטן,
ס׳קומט צוריק אין אַ געזאַנג, העל־לויכטנדיק, דורכזיכטיק
אויסגעלייטערט אין דעם פרייהייט־דראַנג פון אַלע צייטן.

אין געזאַנג פאַרנעם איך ווערטער קלאָרע, וואָס דערציילן
פון געראַנגל, זיג און דורכפאַל — אַלץ איין גרויסער וווּנדער:
פריי־זיין־דראַנג אין איין טייל וועלט וויברירט אין אַלע טיילן,
ווייטסטע ווינקל פירט געראַנגל, נישט פאַר זיך באַזונדער.

פון די זעלבע קוואַלן — אַלע כוחות, אַלע קרעפטן.
יעדער דור און יעדער וועלט־טייל גיט און קריגט זיין חלק,
טיילן אָפּגעשפּאָלטן וועלן ווידער זיך באַהעפטן.
דורותדיקע העלדן בלייבן אייביק, אייניק, הייליק.

פּאַריז, מאַי, 1956.

## שאַנז־עליזעי

רחבותדיק־געשפּרייטע, פיל־מאָל טאָפּלט־ברייטע טראָטואַרן.
וויטרינעס הויכע שפּילן אין פילפאַרביקן פאַרמעסט.
אונטער הימלען בלויע, ביי די זון־געשטרייפטע טיש־און־טישן
שפּראַכן מישן זיך, ווי פעסטיוואַל־גערעדעריי פון געסט.

טויזנטער שפּאַצירער אין אַ שטראָם פון פרידלעכקייט צוזאַמען,
אָן געאייל, אָן פּאָזע, מענטשלעך־שטאָלצע, ריטמדיקע טריט, —
מענטש אַליין איז יום־טוב, ווען באַפרייט ער איז פון צוואַנג און זאָרגן;
אויגן פול מיט צוטרוי, בליקן שמייכלען פריילינגדיק־צעבליט.

נאָר פון הויכע ווענט אַרונטער, אינדערמיט פון פרייד צעבליטער
שרייען ווילד, ברוטאַל, מיט גיהנומס פייער־פלאַמיקן געשריי —
האָליוודס רעקלאַמע־שילדן, גענגסטער־העלדן, וואָס פאַרשטערן
מיר דעם יום־טוב און פאַרשעמען מיר דאָס לאַנד מיינס — „יו. עס. עי.״.

## לידער אין אָנדענק פון ה. לייוויק

.1

אין פאַרגלייזטע שנייען פון סיבירער שטרעקעס —
דיינע בלאָנדזשענדיקע טריט.
אַ מאוימדיק געפיל, וואָס שרעק איז —
אין דיין ליד.
דער פייניקער דער רשע —
מענטשנס לייב און לעבן האָט פאַרשוועכט
און אָנגעפילט מיט בושה
דיין געזאַנג, דיין ליד.

דיין פאַרשעמטקייט אַנט דער פויגל. זיינע פליגל
אויסגעשפרייט אין רוים —
פליט ער אום פון בוים צו בוים און שעמט זיך
אין זיין פליען.
אין שוויגן שטייט דער עפּלבוים — ער בליט.
און ער שעמט זיך פאַרן בליען
מיט דער בושה פון דיין ליד.

„מענטשן אַרט נישט, וואָס איך בענק נאָך זיי".
אָ, זיי אַרט. און ציטערדיק און צאַרט
זיי וואַרטן אויף דיין וואַרעם וואָרט.
נאָר דו ביסט שטרענג
געווען צו זיך אַליין און קאַלט;

ווי שווערער האָגל פאַלט דאָס וואָרט פון דיין געמיט, —
ווערן זיי ביי זיך געפאַלן
און פאַרשעמען זיך פאַר זייער בענקשאַפט,
מיט דער בושה פון דיין ליד.

מענטשנס שונא האָט געריסן דיינע יאָרן,
„ווי מען רייסט אָפּ שטיקער קליידער״;
ר׳האָט דיין גוף געבראָכן,
נאָר דו האָסט כסדר
מיט אַיעדן נערוו און גליד
אין פּיין פון גוף, געראַנגלט זיך — אַ גבור.
האָסט דאָס לעבן הייס געליבט,
געשעמט זיך פאַר דער ליבע,
מיט דער בושה פון דיין ליד.

ס׳איז מיט דיר געגאַן כסדר צו מזבחס פייער,
שרה*) דיינע — טרייער פון אַ מאַמען.
האָט זיך צו עקדה נישט באַוויזן
גאָטס מלאך מיט זיין לאַם,
האָט שרה, הייליקע, געברענט אין פלאַם.
ז׳האָט מיט דיר צוזאַמען
פונעם זעלבן כוס געטרונקען
ביטערן פאַרדראָס.
„דו ביסט מקבל באהבה — שרה״
„יעדע זאָרג און יעדן טרויער״
און אַ גליקלעכע דו שעמסט זיך
מיט דער בושה פון דיין לייוויקס ליד.

---

*) לייוויקס פרוי.

.2

יסורים און פיין האָבן דאָס אויג דיר פֿאַרבלענדט.
נישט מענטש האָט דעם צווייטן געגאַרט און פֿאַרראַטן, —
דער שונא פֿון מענטשן, דער פֿיינט פֿון דיין טאַטן,
ער האָט דיך דערווייטערט פֿון זיך און פֿאַרפֿרעמדט.

ער האָט דיך פֿאַרשלאָסן אין אייגענע ווענט;
דו האָסט ווידערשפּעניקט, האָט ער דיך געבונדן
און אונטערן שייטער דאָס פֿייער געצונדן —
נאָר ברענסט, ווי דער סנה, און דו ווערסט נישט פֿאַרברענט.

דער שונא האָט דאָס לעבן דיינס צעריסן,
זע־נאָר, זע דעם לעבנס גרויסע וווּנדער —
עס זינגט דיין יעדער איינציק אות באַזונדער,
אַ לויב־געזאַנג דעם לעבן, אָן דיין וויסן.

.3

„איך זיי מיינע לידער, ווי קערנער מען זייט".
עס פֿאַלן פֿון קערנער די שאָלעכץ צעשפּאָלטן, —
דאָס אייביקע לעבן אין זאָמען באַהאַלטן,
גייט אויף אינעם לעבן, וואָס קיינמאָל פֿאַרגייט.

דעם שאָלעכץ פֿון קערן דער ווינט האָט פֿאַרווייט.
געבליבן די ליבע דעם שפּעפֿרס — דער זאָמען;
געבליבן געזאַנג דיינס, געלייטערטער נאָמען
אין מענטשלעכע הערצער, ווי קערנער פֿאַרזייט.

פּאַריז, 1963.

## צו ה. לייוויקס צווייטער יאָרצייט

.1

ליב האָסטו געהאַט דעם עפּל־בוים,
די צווייגן און דעם שטאַם
און געבענקט האָסטו נאָך מאַמע־ערד.
נאָר האַר, דער שונא פונעם לעבן
האָט דיין גאַנג צו די אין־סופן,
דורך וועלדער, פעלדער — פריי און אָפן —
דיר דעם וועג געשטערט.

ער האָט מיט תפיסה־ווענט דיין וועג פאַרשטעלט.
אונטער הימלען שרפהדיק געברענט —
האָסטו דיין שטרענגען גאָט גערופן
צו אַ משפט, פאַר זיין פאַלשן סדר פון דער וועלט;
פאַר די קייטן אויף דיין טראָט;
פאַר האַלטן דיך כסדר נאָר אין שטראָפן
פאַר חטאים, קיינמאָל נישט באַגאַנגען.

ווי פון מאַרטירער־ראָד אַראָפּ,
האָסטו דיין מידן טראָט דערשלעפּט
צום לעצטן פּינטל פונעם „עיגול״,
צוריק צום אָנהויב, צו דעם בראָכשטול,
קעגנאיבער בעקער־אויוונס פלאַמען;
צוריק צום „אויסגעוויגטן וויגל״ —
אין די טרייע אָרעמס פון דיין מאַמען.

.2

דו ביסט גערעכט, „ס'איז דאָ אַ מאָנער“.
ער קומט „פון קעלערס, שעפּער און פאַבריקן“.
אין פילצאָליקע מיליאָנען
וועט מען קומען משפטן און מאָנען.

פאָלקס־שילוחים וועלן ציען,
שפּע פון דיין שאַפן אויפצוזאַמלען —
זאַנג צו זאַנגען, גאַרב צו גאַרבן
פאַרן פאָלק די אוצרות פון דיין האַרבן.

פון די לענדער נאָענטע און ווייטע
קומען וועלן פאָלקס־שטאַפּעטן
אויפצונעמען, הייליק האַלטן
דיינע לידער, דראַמעס און סאָנעטן.

לעבעדיקע אותיות פון אלפן ביז תוון —
צו יעדן פאָלק אַ חלק פון צושטייער,
אָפּצוהיטן אין די שייערס פון די פעלקער,
וואָס עס בויען וועלטס באַפרייער.

פּאַריז, 1964.

## א י ך   ג ל ו י ב :

דאָס שלעכטע, בייזע, דאָס אוממענטשלעכע, —
וועלן שטורעם־רעגנס, מיט דער צייט,
פאַרשווענקען און פאַרטראָגן אין די תהומען.
בלייבן וועט כסדר אין די רוימען,
זון, די וווּנדער־פאַרבן און קאָלירן,
שטערן און לבנה;
מענטש, זיין גוטער מיין, זיין ליכטיקע כוונה —
זיינע גוטע מעשים, פנימער געלייטערט.
פעלדזן, בערג און ימען, די דונערן, די ווייטע;
דאָס שטילע מורמלען פונעם קינד,
דאָס בלימל, צאַרטע, דינע,
דעם קינדס אַ לאַך, אַ גוטע מינע —
אַלץ, וואָס איז געווען אַמאָל
און אַלץ, וואָס וועט ערשט ווערן
און האָט נאָך נישט קיין נאָמען —
און אַלץ און אַלץ צוזאַמען,
איז אַ טייל פון מיר
און איך — אַ טייל פון אַלץ
אויף אייביק און אויף אייביק — אמן.

## איך זינג דעם שלום היינט

איך זינג דעם זין פון מענטשנס זיין־דאָ אויף דער ערד,
זיין רעכט אויף לעבן, גליק און פריי־זיין פון געבוירן־אָן;
און יעדעס פאָלק און ראַסע, גלייך, אָן אונטערשיד,
ווי ס'איז פאַרשריבן פון דור־דורות אויף דער פרייהייט־פאָן, —
די עדות זיינען — ערד און הימל און די זון.

איך האָב מיין ליד, מיט דיר, אין טרוימען־פלי געפאָרשט,
געזוכט אין ווייטסטער ווייט ביז די אין־סופן.
דאָס לאַנד פון שלום האָט געשפרייט זיך פאַר אונדז אָפן, —
דאָרט בלענדט די זון פון מענטשנס פריד און פרייד צעשיינט.
אָ, קום מיט מיר צום פאָלק און זינג דעם שלום — היינט.

דעם מענטשנס וועג צום לעבן פירט דורך לאַנד פון שלום, —
דער יחיד שנעלער גייט, נאָר אָפּגעטיילט באַזונדער
און נישט פאַר אים צעשפּאַלטן ווערן זיך די ימען.
נאָר ווען עס שפּאַנט אַ פאָלק פאָרויס, געשעען וווּנדער.
מיליאָנען טרעטן לאַנגזאַם, נאָר זיי וועלן זיכער קומען.

# דער מענטש־דערפרייער

(מיט גרויס פֿאַרערונג, צום אייביקן אָנדענק
פון מיין טייערן פריינט שמאי)

האָסט צוגעזען מיט טרויער אין דיין בליק
דאָס שטענדיקע געיעג,
ווי מען לויפט זיגזאַגיש אום אין קרייזן,
מען זאַמלט און מען זוכט
מיט הונגער אין די אויגן,
ביז מ׳קומט צום זעלבן אָרט צוריק,
מיט מער און מער פֿאַרמעג...

דו האָסט געוווּסט,
אַז גוטסקייט, דאָס איז מענטשנס גליק,
האָסטו געשמייכלט אומעטיק און קלוג, —
דו האָסט געגעבן פריי און געבעטן: „נעם —
וויפל מיר וועט בלייבן,
וועט מיר זיין גענוג”.

האָסט גוטס אין הערצער מענטשלעכע פֿאַרזייט
מיט ברייטן שווונג פון אַ פֿאַרזייער.
דו האָסט געזונטן זאָמען
פון אַלדאָס־גוטס געשפרייט.
פון געבוירן אָן ביסטו געווען —
אַ מענטש־דערפרייער.

פֿאַריז, 1964.

# פרילינג גרייט זיך

שורות שוואַלבן שוועבן אין שערענגעס פאַרן בליק פאַרביי.
יונגע ווינטלעך זאָגן אָן בשורות:
פרילינג גרייט זיך צו דעם גרויסן יום־טוב, צו דעם ערשטן מאַי.

די קאַיאָרן — צאַרטע, ראָזע. ריחות פון רומיאַניק, האַיאַצינט —
וויפל מינים גרין און פאַרבן ווייכע
גלעטן מענטשנס בליקן, אויגן באָדן זיך אין ים פון גרין.

ווער קען טרעפן די קאָלירן, וואָס די ביימער־קנאָספּן האַלטן גרייט?
זאָלן זיי נאָר טאָן זיך אַ צעעפן,
ווערט די לופט, פול רעגנבויגן־שפיל, פול יום־טובדיקע פרייד.

ס׳האָט דער בעז, דער קראקוס און אַזעליע, אין סקווערן זיך צעבליט.
לופט איז פול מיט גאַרונג צו דערהערן
וועלט־געזאַנג פון שלום, צו דעם ריטם פון מיליאָנען טריט.

# געלעכטער פון די כוואַליעס

הימל בלויער, אַ פאַרטראַכטער
שמייכלט ער צו דעם פרימאָרגן.
זון, אַ יונגע, ערשט דערוואַכטע
קושט אויף גראָזן אויס די טויען.
איבער שמאָלע שטעגן גיי איך
צו דעם מילדן ברעג דעם בלויען.

כ׳זיץ און הער די כוואַליעס ריידן,
שפרינגען פריילעך, שטיפן זאָרגלאָז, —
— אפשר וועט איר מיר באַשיידן,
כ׳בעט אייך, כוואַליעס, יונג־באַגליקטע;
ברענגט איר וועמען בשורות טובות,
עמעצן פון ווייט געשיקטע?

כ׳זוך אַרום דאָס גליק, דאָס עכטע, —
זאָגט, ווו איז עס, ווו? ביי וועמען?
קייקלען זיי זיך פון געלעכטער:
זיצסט, דו נאַר און פרעגסט פון „וואַנען"
און דו זוכסט דאָס גליק ביי יענעם!
ס׳איז אין ד י ר דאָס גליק פאַראַנען.

## אַלכעמיקער — מכשפים

(פון דער סעריע „וואָלסטריט")

די אַלכעמיקער — מכשפים האָבן נישט גערוט
ביז זיי האָבן אויסגעפונען,
ווי צו מאַכן גאָלד פון מענטשן־שווייס און בלוט,
פון מענטשנס לייב און לעבן.

ביים מענטשן האָט מען פון פאַר־געבוירן אָן
גערויבט דאָס רעכט צו לעבן אויף דער ערד,
אין געדעכעניש ביי אים פאַרטויבט דעם לעבנס זין.
אַזוי איז שווייס און בלוט פון מאַן און פרוי און קינד,
דער זיפץ און קרעכץ, געשריי, געוויין פון יונג און אַלט
געוואָרן פאַר די הערשער, קאַלט, געפרוירן גאָלד.

עס האָט אין בלוט פון די מכשפים
זיך צעברענט אַלץ מער דער סם, די לוסט נאָך גאָלד, —
דאַן האָבן זיי מלחמה־פייערס אָנגעצונדן
און ווי אויסגעהאַקטעביימער אין אַ וואַלד,
די צווייגן און די שטאַמען —
האָבן זיי די מענטשן־לעבנס, יונג און אַלט
געוואָרפן אין די פלאַמען.
פון די ברענענדיקע וווּנדן האָט געפלאָסן
אין די קאַטאַקאָמבן פון די הערשער,
גרויסע שפע, פרישע אוצרות גאָלד.

## „ווער עס האָט קיין מזל נישט"...

מיר לעבן אין אַ סדר, ווּעמענס „תּורה"
איז: פֿאַרכאַפּ פֿאַר זיך און האָב, —
ווו פֿאַלשקייט דינט ווי כּוח
און כּוח דינט צו רויבן
מענטשנס מי, אָן בושה און אָן מורא.

נישט מענטשנס ווירדע איז דער עיקר.
אין דעם סדר, יעדער איז פֿאַר זיך.
נישט מיש זיך: „די געשעפֿטן דיינע היט".
נישטאָ קיין ווערטן אמתע און עכטע, —
לעבנס זין — איז מאַכן מער פּראָפֿיט.

מיר לעבן אין אַ סדר, ווו עס גילט
דער פּסוק: „מאה איז די דעה",
דעם אָרעמען — אים העלפֿט קיין גאָט נישט, —
צום געבוירן דאַרף מען מזל — ווער עס האָט נישט,
איז דאָס לעבן זיינס פֿאַרשפּילט...

פּאַריז, 1964.

## צום אייביקן אָנדענק...

(פון מיין לאַנג־יאָריקן חבר, דעם דיכטער אהרן קורץ)

שטורמיש האָט דיין ליד געטראָגן זיך
איבער צייט, איבער וועלט־געשעעניש
און אַלץ באַרירט מיט פריש־ווינטיקדיקן אָטעם.
„איבערנאַכט" האָסטו מיט לאַנגן, אימפּעטדיקן שפּאַן
„דורכגעמאַכט" דריי הונדערט יאָר יידיש לעבן
אין אַמעריקע.
אויף דיין צויבער־„קאַטערינקע" האָסטו אויסגעשפּילט
דעם „טראַגיש־נאַכטיקן ספּעקטאַקל", דעם „פּיינלעך־
פריידפולן וועג צום אַרויף און אַראָפּ
פון דער אימיגראַנטן־דראַמע".

אין וווקס און שווונג פון דיין „גאָלדענער שטאָט",
שפּילן אָרקעסטערס, אויטאָמאַטן־ריטם
פון „ניקל־ניקל־ניקל־ניק".

אין דיינע לאַנג־אָטעמדיקע פּאָעמעס
ווייען פאָנען פון פעלקער־אויפשטאַנד.
צוזאַמען מיט די פּילקאָלירנדיקע פאָנען־פאַרבן —
„די ווייס־בלויע פאָן פון ישראל".

מיט שווונג און קראַפט האָסטו אַריינגעזונגען
דיין רייך יידיש לשון אין דעם כאָר
פון פעלקער־לשונות.
דיין „מאַמע־לשון" פינקלט מיט בילדער־פּראַכט
פון צירונג־אוצרות, דורך דיין, זיך ווייטטראָגנדיקער
קאָלירפולער שטימע.
שאַגאַלס יידיש־וועלטלעכע, געניאַלע, סיר־רעאַליסטישע
קונסט־מאָלערייען, זינגען זיך אַריין
מיט דיין קול־הנגינה, אין יידישע הערצער —
אין בילד און קלאַנג, קלאָר, ליכטיק, דורכזיכטיק.

* * *

דורך שווער־קלעטערנדיקע וועגן ביסטו געקומען
צום לאַנד פון רו.
די ווינטן שטילן זיך איין,
דער אימפּעט צאַמט זיך אַליין.
עס בלייבט אויף שטענדיק דיין געזאַנג,
דיין קול־הנגינה.
זינגען וועט זיך דיין געזאַנג כסדר.
מענטשן וועלן הערן, באַוווּנדערן און זאָגן:
— וויפל גליקזעליקייט, זיכערקייט און גלויבן,
עס זינגט אין זיין פּרעכטיקן מאַמע־לשון,
אונדזער גרויסער יידישער דיכטער,
דער בעל־מנגן — אהרן קורץ.

פּאַריז, סעפּטעמבער, 1964.

## דאָס ליד פון די צוויי ברידער

ברידער צוויי אין וואָר און חלום.
איינס דעם אַנדערן געטריי.
הייסט דער ערשטער ברודער — שלום
און דעם צווייטן רופט מען — מאַי.

ברודער מאַי און ברודער שלום —
ס'איז באַוווסט שוין יעדן היינט,
זיינען פריינט מיט אַלע קינדער,
זיינען מענטשנס גוטע פריינט.

ברודער שלום האָט ליב טויבן,
יעדעס פייגעלע, וואָס פליט.
ברודער מאַי האָט ליב דעם פרילינג,
אַלץ, וואָס וואַקסט און אַלץ, וואָס בליט.

שלום אַרבעט אין פאַבריקן.
מאַי באַאַרבעט וואַלד און פעלד.
מאַי און שלום ברענגען פריידן,
פריד און פריידן אויף דער וועלט.

פריד און פריידן, סטייעס טויבן,
בעז און בלומען, גראָז און צוויט.
טויבן גלויבן יעדן איינעם,
וואָרקען אום ביי קינדערס טריט.

האָבן קינדער ליב די טויבן —
און די טויבן ליבן זיי.
אי די טויבן, אי די קינדער,
האָבן ליב די ברידער צוויי.

# דער דיכטער

(אַ פילאָזאָפישע מעשה)

— — — און עס איז געווען, ווען דער בורא, דער באַשעפער האָט שוין געהאַלטן נאָכן פינפטן „כי־טוב״ — — — און ס׳איז אים געבליבן נאָך איין טאָג — דער זעקסטער, פאַרן מענטש־באַשאַף, האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז די פינף „כי־טובס״ זיינען, ווייזט אויס, געקומען אין ברען פון שעפערישער עקזאַלטאַציע, נישט אין רואיקער באַטראַכטונג פון דעם אָפּגעטוענעם — — —

— — — עס איז פאַר אים, דעם באַשעפער, אין אַן אויגנבליק געוואָרן קלאָר, אַז אין דער אמתן האַלט עס נאָך גאָר ווייט פון דער וויזיע, וואָס האָט זיך פריער אַנטפּלעקט אין זיין פאַנטאַזיע אין אַזאַ גראַנדיעזער גרויס און גאַנצקייט — — —

— — — אפנים, אַז פון דער וויזיע ביז דער רעאַליזירונג — — — איז אַ ווייטער און שווערער גאַנג פון גילגולים און איבערוואַנדלונגען...

— — — ער האָט דערזען, אַז מיט דעם באַשאַפן דעם מענטשן, וועט דאָס ווערק נאָך נישט זיין פאַרענדיקט.

— — — עס וועט זיך ערשט קוים אָנהייבן...

* * *

— — — האָט דער בורא פאַרטראַכט אַ נייעם פּלאַן פאַר דעם מענטשס באַשאַף:

— — — ער וועט די מענטשן באַשאַפן אין זיין, דעם בוראס, אייגענעם געשטאַלט. — — — ער וועט יעדן פון זיי צוטיילן אַ באַזונדערן שעפערישן באַרוף — אַ טייל פון זיין אייגענער שעפערישקייט.

די וועלט, אין דעם צושטאַנד, ווי ער האָט זי באַשאַפן, וועט ער איבערענטפערן אין רשות פון די מענטשן — — —

יעדער איינער, מיט זיין שעפערישן באַרוף, זאָל בייטראָגן צו דער בהדרגהדיקער אויסבעסערונג, ענדערונג, איבערשאַפונג און איבערשטאַל־טונג פון דער וועלט...

— — — און דער בורא האָט באַשאַפן די מענטשן אין זיין אייגענעם געשטאַלט און צוגעטיילט צו יעדן אַ באַזונדערן באַרוף פון זיינעם, דעם בוראס אייגענער שעפערישקייט — — — און פאַרנווייז האָט ער זיי באַ־שאַפן — מאַן און פרוי באַגלייך. אים מיט זיין באַרוף, און זי מיט איר באַרוף.

* * *

ווען די מענטשן זיינען געווען גרייט צו גיין לעבן אויף דער ערד, האָט דער באַשעפער צו זיי געזאָגט:

— פון דער רגע אָן, וואָס איר וועט באַטרעטן די ערד — — —

— מוזן מיר באַטרעטן די ערד? — האָט זיך דערהערט אַ קול, וואָס איז געקומען פון דער מענטשן־מאַסע. — צי מיר האָבן אַ ברירה, אויב מיר ווילן נישט?

— ביז איר וועט שטעלן דעם ערשטן טראָט אויף דער ערד, זענט איר אין מיין רשות און אין מיין ווילן. און ס׳איז מיין ווילן, אַז איר זאָלט באַטרעטן די ערד, ווי ס׳איז געווען מיין ווילן אייך צו באַשאַפן. אָבער פון דער רגע אָן, וואָס איר באַרירט די ערד, גייט איר אַריבער פון מיין רשות אין אייער אייגענעם רשות און אחריות. און... ס׳איז גוט, וואָס ס׳האָט זיך געפונען איינער פון אייך, וואָס האָט געפרעגט די שאלה: „מוזן מיר?״ — — —

— פאַרוואָס איז דאָס גוט? — האָט ווידער דאָס קול געפרעגט.

— ווייל דאָס באַווייזט מיר, אַז אין אייך איז דאָ דער קערן אָפּצו־פרעגן. נישט סתם פאָלגן... און ס׳איז אויך גוט, וואָס די שאלה איז גע־פרעגט געוואָרן בלשון רבים — „מיר״, נישט „איך״ — — —

— מיט וואָס איז דאָס גוט?

— ס׳איז גוט דערפאַר, ווייל ווען איך האָב אייך באַשאַפן, האָב איך

אינזינען געהאַט אַלע מענטשן, נישט אַ מענטשן... און איצט, איידער איר גייט, וועט זיין גוט, איר זאָלט פאַרגעדענקען, אַז — — — די ערד, וואָס איר וועט באַלד באַטרעטן, איז אייערע אַלעמענס. די וועלט איז אין אייער רשות און דאָס לעבן — אין אייערע אייגענע הענט: צום גוטן אָדער צום בייזן, צום אויפבלי און וואַקסן, אָדער גאָר צום אומקום און אונטערגאַנג. האַלט נישט גרינג אייער אחריות צו דער וועלט און האַלט חשוב און טייער דעם מענטשנס לעבן — — — און דעם נאָמען מענטש זאָלט איר הייליק האַלטן, ווייל דער נאָמען וועט זיין דער אייביקער בונד, וואָס וועט אייך האַלטן צוזאַמען אין התחיבות איינעם פאַרן אַנדערן און אַלע פאַר יעדן איינעם פון אייך. טאָמער וועט איינער פאַרשוועכן דעם נאָמען מענטש, וועט ער זיך פאַרשולדיקן קעגן יעדן איינעם פון אייך, ווייל דער נאָמען פון יעדן איינעם פון אייך איז — מענטש.

דער בורא האָט אַ רגע געשוויגן און ער האָט צוגעגעבן:

— געדענקט, איך האָב אייך געזאָגט, אַז די ערד געהערט צו אייך אַלע, נישט צו איינעם און נישט צו אַ טייל פון אייך... אויך אַלע אוצרות, וואָס אין דער ערד, זיינען אַ געשאַנק צו אייך — פאַר אַלעמען גלייך. און אַלץ, וואָס וועט געשאַפן ווערן אויף דער ערד, — אַלץ געהערט צו אַלע מענטשן גלייך, נישט צו איינעם אַליין, נישט צו אַ טייל פון זיי. — — — און...

— בורא, — האָט זיך דערהערט דאָס קול פון זעלביקן פרעגער —

— יאָ?

— אַז מיר וועלן שוין זיין אויף דער ערד, וועט דאָך דער ווילן שוין זיין אונדזערער, וועלן מיר דאָס, וואָס דו זאָגסט אונדז אָן, מוזן געדענקען און פאָלגן? צי עס וועט זיין ביי אונדז די ברירה?

דער בורא האָט געטראַכט אַ רגע און האָט געזאָגט:

— דער ווילן וועט זיין אינגאַנצן אייערער און די ברירה וועט זיין אייערע, איר וועט נישט מוזן „געדענקען" — — — און סתם פאָלגן וואָלט במילא נישט געטויגט... דאָס, וואָס איך זאָג אייך דאָ איצט און וואָס איך וועל אייך דאָ ווייטער זאָגן, מיין איך, אַז עס זאָל בלייבן אין אייך, ווערן אַ טייל פון אייך, אויף אַזויפיל, אַז עס זאָל וועקן אין אייך דעם דראַנג און דאָס באַוווסטזיין פאַר אַ לעבן פון התחיבות — — — אַט דאָס וועט זיין אייער אייגענער מוז... און נאָר דאַן וועט די וועלט, אייער וועלט, דורך אייך אַליין דערפירט ווערן צו שלימות.

* * *

און נאָך האָט דער בורא געזאָגט:

— יעדער פון אייך איז באַשאָנקען מיט אַ באַזונדער באַרוף פון שעפּערישקייט. דאָס וועט זיין אַ גרויסע הילף פאַר אייך אין אייער גאַנג צו אַ וועלט פון שלימות. אָבער, ווי פאַרשידן יעדנס באַרוף, געביט פון שעפּערישקייט און אויפטו עס זאָל נישט זיין, זאָל עס נישט זיין אין אייגענעם נוצן און נישט אין נוצן פון אַ באַזונדערן טייל, נאָר אין גלייכן נוצן פאַר אַלעמען — — —

— ווייל, געדענקט, אַז יעדער באַרוף, ווען ער ווערט גענוצט אַליין און באַזונדער, פאַר זיך און פאַרן אייגענעם נוצן, פאַרן אייגענעם גלאַנץ און רום, פאַר אייגענער אָנזאַמלונג פון פאַרמעגן, אָדער פאַרן נוצן פון אַ טייל, אָדער אַ צאָל טיילן פון די מענטשן, וועט עס זיין אַ זינד און אַ גרויס אומרעכט קעגן אַלע אַנדערע מענטשן און עס וועט מסוגל זיין צו ווערן אַ פינצטערער גרוב פאַר שטרויכלונגען, אַ מוטנער, קאָכיקער קוואַל פון קריג און שנאה, וואָס זאָל, חלילה, דערפירן די וועלט צו חורבן און אומקום.

— — — און קיינער קען באמת און ערלעך נישט זאָגן וועמענס באַרוף עס איז מער וויכטיק, און וועמענס וויניקער וויכטיק, ווייל ס'איז דאָ אַן אינערלעכע פאַרבינדונג און ענגע שייכות צווישן אַלע באַרופן אָן אויסנאַם. — — — און נאָר, ווען איר וועט באַנעמען, געדענקען און וויסן די שייכותן און פאַרבינדונגען צווישן אַלע באַרופן און זיי נוצן צוזאַמען און פאַר אַלעמען — וועט אייער שעפּערישקייט זיין אַ ברכה פאַר אַלעמען גלייך.

* * *

די מענטשן זיינען אַוועקגעגאַנגען באַטרעטן זייער ערד — — — — דער באַשעפער איז געבליבן אַליין מיט זיך אין דער שטילקייט, אין וועלכער עס האָט נאָך געהויערט דער הויך פון זיינע רייד צו די מענטשן. אַרום אים האָבן, ווי לייכטע שאָטנס, זיך געטוקט אין דעם ליכט — מחשבות, ספקות און פראַגעס: — — — „איז דאָס נישט געווען אַ צו־געוואָגטער, נישט דורכפירבאַרער פּראַיעקט, וואָס ער האָט לכתחילה אונטערגענומען?" — — — „און ווייזט עס נישט די באַגרענעצטקייט פון

דעם יחיד, אפילו ווען דער יחיד איז דער בורא, — קאָן ער דאָך אַליין נישט דערפירן זיין וויזיע צו רעאַליטעט?" — — — „ווייזט עס נישט, אַז אַ גראַנדיעז־גרויסער פּלאַן קאָן נישט אויסגעפירט ווערן אָן דער הילף פון די מענטשן? און אָן דעם אויסדויער פון צייט? הייסט עס, אַז איינער קאָן נישט שאַפן פאַר אַלעמען, נאָר אַלע קענען שאַפן פאַר יעדן איי־נעם?...

— — — און וועט זיין לעצטער, זיין נייער איינפאַל, איבערצוגעבן די נישט־פאַרענדיקטע וועלט צו די מענטשן, יאָ דערפירן צו דער רעאַ־ליזירונג פון זיין גרויסן חלום? צי וועט עס זיין אַ קאַטאַסטראָפאַלער דורכפאַל? — — — ער האָט אַ זיפץ געטאָן און זיך דערמאָנט, אין שטילן צער, אַז ער האָט נאָך אפילו נישט געזאָגט דעם זעקסטן „כי־טוב", — איז ער עס אַזוי אומזיכער געוואָרן מיט זיך? — — —

אַ מענטשלעך צאַרט, כמעט זינגעוודיק קול האָט איבערגעריסן זיינע אומעטיקע מחשבות: — „בורא־העולם!"... דער בורא האָט מיט גרויס חידוש דערזען דעם, וואָס האָט אים גערופן און ער האָט געפרעגט:

— ביסט נישט געגאַנגען מיט די מענטשן באַטרעטן די ערד, וווהין דו באַלאַנגסט?

— איך ווייס נישט, וואָס איך וועל דאָרט טאָן אויף דער ערד — — —

— האָב איך דיר נישט געגעבן קיין באַרוף?

— יאָ, נאָר טאַקע מיט דעם באַרוף, ווייס איך נישט, וואָס איך וועל טאָן אויף דער ערד...

— וואָס איז דיין באַרוף?

— פּאָעזיע — — — דיכטונג — — —

— אַ משורר? — האָט דער בורא איבערגעפרעגט.

— אַ דיכטער, — האָט דער משורר געזאָגט.

— איז וואָס ווייסטו נישט?

— ווער וועט דאָרט, אין טומל פון געקלאַפּ און געבוי, פון געראַנגל מיט זיך און איינער מיטן צווייטן — וועלן אויסהערן מיין ליד?...

— נישט דיין ליד. זייער ליד...

— און ווער וועט זינגען מיין ליד?

— זייער ליד וועט זיין דיין ליד... דו וועסט זינגען זייער לעבן, זייערע ראַנגלעניש, זייערע האָפענונגען, זייער זיפץ, זייערע טרערן און געלעכטער, זייערע שטימונגען; זייערע געמיטער, די שיינקייטן, וואָס זיי

וועלן נישט באַמערקן, די אומרעכטן, וואָס מען וועט באַגיין קעגן זיי און וואָס זיי וועלן באַגיין קעגן אַנדערע — — —

— ווי אַזוי וועט דאָס אַלץ קומען צו מיר?...

— דו וועסט גיין צו זיי און זיין צווישן זיי — דאָס איבעריקע איז אַ טייל פון דיין באַרוף, וועסט שוין אַליין וויסן ווי אַזוי...

— און אַז איך וועל קומען צו זיי מיט זייער ליד, מיט דעם ליד פון זייער לעבן, וועלן זיי עס אָפּנעמען? וועלן זיי מיך אויסהערן?

דער בורא האָט קלערנדיק, לאַנגזאַם געצויגן דעם ענטפער:

— מיט — דער — צייט — יאָ...

— „מיט דער צייט", — האָט דער דיכטער אַ זיפץ געטאָן, — ...און דערווייל וועל איך זיך אַרומטראָגן מיט דעם ליד און זיי וועלן עס נישט וועלן אויפנעמען...

דער בורא האָט זיך ווידער פאַרקלערט און האָט לאַנגזאַם געצויגן דעם ענטפער, ווי אין אַ פאַרלעגנהייט:

— עס וועלן — — — זיך — — — געפינען — — — איינ־צל־נע...

— „איינצלנע" — האָט דער דיכטער איבערגעזאָגט, אָן אומצופרידע־נער. און מיטאַמאָל האָט ער אַנטשלאָסן אַ זאָג געטאָן:

— איך וויל נישט דעם באַרוף! — — —

— וואָס דען ווילסטו? — האָט דער בורא פאָטערלעך געזאָגט. — ווילסט דאָך נישט בלייבן דאָ מיט מיר?...

— חלילה! — האָט זיך דער דיכטער אַ צאָפּל געטאָן. — איך וויל גיין אַהין, צו די מענטשן. — און ווי מיט געבעט האָט ער געזאָגט, רעדנ־דיק פאַרזיכטיק, אומזיכער: — וועז דו האָסט צו אונדז גערעדט ביים איבערגעבן די וועלט אין אונדזער רשות, האָט יעדעס וואָרט דיינס, דאַכט זיך, געלעבט אין מיר נאָך פון פריער און — — —

— דאָס האָסטו געפרעגט די שאלות? — האָט דער בורא געפרעגט.

— איך. די פראַגעס האָבן אויך ווי געלעבט אין מיר...

— דאָס איז אויך אין דיין באַרוף... — האָט דער בורא געזאָגט.

דער בורא האָט זיך פאַרטראַכט — — — די ערלעכע עקשנות און תמימות פון דעם דיכטער איז אים געפעלן. „דער, — האָט ער געטראַכט, — וועט זיין שעפערישן טאַלאַנט, זיין באַרוף האַלטן הויך און ערלעך, נישט פאַרווענדן אים אין אייגננוצן... נישט צעפּטרן אויף שפּיצלעך, חכמהלעך און פעלשונגען...

און דער בורא האָט געזאָגט צום דיכטער:

— דו גיי צו די מענטשן מיט דיין באַרוף — — — — אויף פּראָבע. וועסטו זיין צופרידן, וועסטו דאָרטן בלייבן מיט די מענטשן. אויב וועסט איינזען, אַז דו ווילסט טאַקע נישט דיין באַרוף, דאַן קום צוריק און איך וועל דיר דעם באַרוף איבערבייטן — — — גוט?

— גוט! — האָט דער דיכטער אַרויסגעזונגען אַ צופרידענער.

— איצט גיי, — האָט דער בורא פּאַטערלעך גערעדט צום דיכטער, — גיי און נעם זיך גענוג צייט פאַר דער פּראָבע. האָב געדולד און אייל זיך נישט מיט קיין באַשלוס.

* * *

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט זיך דער דיכטער ווידער באַוויזן פאַרן בורא.

דער בורא האָט געזאָגט:

— שוין געקומען בייטן דעם באַרוף? אַזוי שנעל? נישט אויסגע־האַלטן די פּראָבע... אומגעדולד?

דער בורא האָט נישט באַהאַלטן זיין אַנטוישונג.

— ניין, — האָט דער דיכטער געשמייכלט, — איך בין נישט געקו־מען בייטן, איך בין צופרידן מיט מיין באַרוף.

— איז וואָס־זשע טוסטו דאָ?

— איך האָב אָנגעשריבן דאָס ערשטע ליד — — — —

— נו?

— וויל איך עס דיר איבערלייענען...

— פאַר מיר? נישט פאַר די מענטשן?

— דאָס ליד מוז איך לייענען פאַר דיר.

— פאַרוואָס?

— ווייל דאָס ליד איז וועגן דיר.

— וואָס וויסטו וועגן מיר?

— איך ווייס. אָט וועל איך לייענען, וועסטו זען, — און נישט וואַרטנ־דיק, האָט ער אָנגעהויבן לייענען. דאָס ליד האָט זיך אָנגעהויבן מיטן בוראס ספקות און זיין אומזיכערקייט אין דער דורכפירונג פון דעם פּראָ־יעקט דורך די מענטשן...

— ווי אַזוי ווייסטו דאָס? — האָט דער בורא אים אָפּגעשטעלט אינ־מיטן לייענען.

— ווען דו ביסט געבליבן דאָ אַליין, — האָט דער דיכטער נישט־געקרן איבערגעריסן דאָס לייענען — און איך האָב דאָ געוואַרט, דו זאָלסט מיך באַמערקן, האָב איך דיך געזען אין עצבות און איך האָב געזען דיינע ספקות...

— געזען?

— יאָ. דורך מיין באַרוף...

— און דאָך ביסטו שוין געווען גרייט צו בייטן דיין באַרוף.

— דאָס, בורא, איז געווען פון אומגעדולד. אמת, איך האָב געוואָלט אַ וועלט פון שלימות וואָס שנעלער.

— עס קאָן אָבער אַמאָל גיין זייער לאַנגזאַם, — האָט דער בורא גע־זאָגט, — און אַמאָל, חלילה, איבער די מעשים און שטרויכלונגען פון די אחריותלאָזע, זיך אינגאַנצן אָפּשטעלן...

— דאָס וועלן מיר, די בעלי־אחריות, נישט דערלאָזן. דיין וויזיע פון אַ שלימותדיקער וועלט לעבט אין מיר, און דאָס אייביקע לעבן איז נישט קיין חלום...

— דו גלויבסט?

— עס איז דאָס בלענדנדיקע ליכט אין דיין וויזיע...

— עס זאָל נאָר דערגיין צו דעם. — עס האָט זיך געהערט אַ שטי־לער, דינער טרויער אין די רייד פון דעם בורא.

— ביסט נישט זיכער?

— עס איז איצט אין אייערע הענט...

— מיר וועלן טרייבן דעם צייט־קרייז פאָרויס.

— וועט זיין גוט! און איצט, ענדיק לייענען דיין ליד.

— זעסט? — האָט דער דיכטער געזאָגט, — איך וואָלט איצט באַ־דאַרפט אָנהייבן נאָך אַמאָל פון אָנהויב לייענען דאָס ליד, ווייל דו האָסט מיר פריער איבערגעשלאָגן אינמיטן לייענען... נאָר איך אייל זיך צו גיין צו די מענטשן.

— גלויבסט, אַז דו פעלסט זיי שוין אויס דאָרטן?...

— ניין. זיי פעלן מיר אויס...

— גוט. לייען.

דער סוף פון דעם ליד איז געווען אַ לויב און אַ דאַנק דעם בורא פאַר

באַשאַפֿן די וועלט און די מענטשן — און אַ באַזונדערן דאַנק און ליבע, וואָס ער האָט די וועלט איבערגעגעבן אין רשות פֿון די מענטשן. ווען ער האָט געענדיקט לייענען, האָט דער בורא געזאָגט:

— וואָס ווילסטו זאָל איך דיר מיטגעבן, מיטצונעמען מיט זיך אויף דער ערד?

— האָסט מיר געגעבן מיין באַרוף...

— עפּעס נאָך צו דיין באַרוף?

— נאָך אַ שטראַל פֿון דיין ליכט, — האָט דער דיכטער אויסגערופֿן מיט עקסטאַז. — עס זאָל מיר לויכטן אין רגעס שווערע פֿון אַנטוישונגען, ווען מיין זע־קראַפֿט וועט אַ שווינדל טאָן.

— גוט. וועסט עס דאַרפֿן... ביים טראָגן דאָס אחריות פֿאַר אַנדערע — — —

— איך וועל טראָגן, — האָט דער דיכטער תמימותדיק געזאָגט.

דער דיכטער איז אַוועק צו די מענטשן. דעם בוראס בליק האָט אים באַגלייט, זאָגנדיק אין דער זעלביקער צייט, דעם זעקסטן „כי טוב"...

* * *

פֿון דעמאָלט אָן גייט אַרום דער דיכטער אויף דער ערד צווישן די מענטשן. ער נעמט אויף זייערע זיפֿצן און טרערן, זייער געלעכטער און זייער טרויער. ער נעמט אויף די שיינקייטן פֿון דער ערד, וואָס זיי זעען נישט; די עוולות, וואָס ווערן קעגן זיי באַגאַנגען און וואָס זיי באַגייען איינער קעגן צווייטן און זיי ווייסן עס נישט — — — און ער ברענגט עס צו זיי אין ליד און אין געזאַנג, וואָס איז זייערס. — איז אויב זיי קערן זיך אָפּ פֿון אים און ווילן עס נישט אויפֿנעמען, שמייכלט ער אַ שמייכל פֿון עצבות, פֿון פֿאַרגעבונג און פֿון וואַרטן — — — און ער קומט נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל — — —

פּאַריז, 1960.

# פּ אַ ר י ז

רום צו דײַנע רחבותדיקע סקווערן, זוניקע בולוואַרן, —
אָבער ליב מיר זײַנען דײַנע ענגע געסלעך — זון, צי רעגן.
דײַנע ענגע געסלעך אַלטע מיט די שמאָלע טראָטואַרן;
דײַנע מענטשן ערלעכע און פּשוטע, וואָס איך באַגעגן.
פּנימער, וואָס זאָגן: פּראָסט און אויסגעטראָגן — אונדזער קלייד,
נאָר דער ווײַן אויף אונדזער טיש, דעם היימישן, איז שטענדיק גרייט —
העלער ווײַן — בורשטין־צעשטראַלטער און אַ ווײַן, וואָס פּינקלט רויט.
גאָלדיק־העל, ווי זון, איז דאָס באַטעמטע, גוט געבאַקן ברויט
און דאָס האַרץ איז פֿול מיט ליבע.

ס'האָט ווער געמוזט אַמאָל דײַן אָרעמשאַפֿט צוזאַמענשאַרן,
אָרט צו מאַכן פֿאַר די לוקסוס־היימען און די ברייטע סקווערן,
האָט ער צוגעטיילט — אַהין, די פּראַכט און רחבות פֿאַר די האַרן;
אַלע קונסט־סטאַטועז, מאָנומענטן — העלדן צו באַערן,
און פֿאַר אים אַליין, דעם מענטש, דעם אמת־העלדישן, דעם ריז,
וואָס באַשאַפֿן האָט די אַלע דײַנע שיינקייטן, פּאַריז;
אים — די ענג־צונויפֿגעדריקטע געסלעך, אויסגעקרימטע ווענט.
ער, וואָס האָט אַזוינע גוטע, וווּנדערשאַפֿנדיקע הענט
און זײַן האַרץ איז פֿול מיט ליבע.

איז מיר ליב צו גיין דאָ איבער גאַסן, חלומען און טראַכטן.
ליב און אייגן ווערט מיר יעדע גאַס און יעדע נייע געגנט.
גייט מיר נאָך מײַן ליד פֿון בענקשאַפֿט אין די בלויליכע פֿאַרנאַכטן,
ליב פֿון בענקשאַפֿט נאָך פּאַריז, איידער כ'האָב זיך נאָך געזעגנט;
ליד פֿון ליבע און פֿון בענקען, ליד פֿון טרויער און פֿון פֿרייד,
ווי ניגונים אויסגעשפּילט אויף פֿידל וואָלטן מיך באַגלייט.
ווילט זיך לויבן, דאַנקען, וווּ איך בין און וואָס איך טו, —
מורמל איך און שמייכל־צו: „מערסי ביען", „מערסי באָקו",
און מײַן האַרץ איז פֿול מיט ליבע.

פּאַריז, 1956.

# בײַם בלויען ברעג

## אַ געבעט צו דער מאַנטאַנער זון

(אַ בלעטל פּאָעזיע אין פּראָזע)

ווי פרומע פּילגרימען איבער שנייאיקע וועגן זײַנען מיר צו דיר אַהער געקומען זיך וואַרעמען, הילן זיך אין דעם שטראַלנדיקן חסד פון דײַן לויכטנדיק גענאָד.

צו דיר, אונדזער אַלעמענס געבעט. מיר ציען זיך נאָך דיר מיט יעדן קער און ריר, אין גאַנג פון טאָג. אונדזערע גופים, אונדזערע גלידער פאָלגן נאָך דײַן גליאיקן בלענד איבערן לויטערן בלוי פון הימלדיקע הייכן.

הייל אונדז, זון! צי אַרויס די קעלט פון אונדזערע בײנער, גלעט אויס די קנייטשן פון אונדזערע פּנימער — פאַר דער צײַט געעלטערטע. פאַרטרײַב די מידקייט פון אונדזערע אויסגעהאָרעוועטע פיס און הענט; גיס אַרײַן אין זיי דײַן שײַן, דײַן היילונג, שטאַרק זיי מיט דעם צויבער פון דײַן קראַפט.

באָד אונדז, זון, אין דײַן כוואַליענדיקן ליכט, ווי דו באָדסט די הויכע שפּיצן פון די אַלפּן. זע נאָר, זע, ווי אין קאָלירנדיקן שפּיל, טרעטן די פעלזן־בערג אַרונטער פון זייער אָפּגעזונדערטקייט. אויסגעלייזטע, דורכגעלויכטענע, קומען זיי נעענטער צום לעבן, צו דער ערד, צו אונדז, מענטשן.

* * *

זע, זון, ווי דער מיטללענדישער ים־ברעג האָט אונטער דיין פלאַ־מיקן כישוף, אין בייטאָגעדיקן ברען, זיך אויסגעשפּרייט אין דרימלענ־דיקער רו. ער שמייכלט אַזאַ מילדער, אַ גליקלעכער, אַ באַצוווּנגענער פון דיין הייסער אומאַרעמונג.

נישט לאַנג צוריק, אין אַ טאָג, ווען דו ביסט נישט געווען דאָ, האָבן מיר אים געזען, דעם ים־ברעג, — ווילד האָבן די כוואַליעס זיך געוואָרפן איבער די פּאַראומערטע, מרה־שחורהדיקע ברעגעס — אין גרויס בענק־שאַפט נאָך דיר.

מיר בענקען אויך נאָך דיר. פאַרלאָז אונדז נישט. אייל נישט אַוועק פון אונדז, — זע ווי מיר גייען דיר נאָך ביזן סאַמע סוף פונעם טאָג, ווען דו לאָזסט זיך אַראָפּ, דאָרט, אַהין, צום ווייטן האָריזאָנטן־ברעג.

מיר חלומען פון דיר. מיר שמייכלען צו דיר ביינאַכט אין שלאָף. מיר פילן, אויף אונדזערע צוגעשלאָסענע ברעמען, דיין סאַמעט־ווייכן שיין פון פאַרגאַנגענעם בין־השמשות. מיטן בלויען פאַרטאָג זיינען מיר שוין אויף. קום פרי צו אונדז, מיר וואַרטן אויף דיר; מיר דערפרייען זיך מיט דיר, און די גלידער אונדזערע, אויפגעוואַכטע, זינגען: זון, זון, זון!

* * *

אונטער דיין שוץ און שיין, זון, האָבן ביימער, אין ווינטער־צייט — צעבלעטערט זיך, צעוואַקסן זומערדיק אין פיל־שאַטירנדיקע פאַרבן און קאָלירן. די לופט איז אָנגעפילט מיט טויזנט מינים גרין, אַפּעלסינען־גאָלד, אָראַנזשן־פאַרב, מאַראַנצן־ריחות.

שטאָלצע פּאַלמעס שפּרייטן זייערע טונקל־גרינע פּאַווע־פעכער, צו באַשיצן יונגע גראָזן. אַלטע ביימער בליען יונג, — זייערע ראָזע, רויטע, צאַרטע בליטן שמייכלען צו שפּאַצירער איבער אַלע שטעגן.

אויך מיר ווילן בליען אין דיין וואַרעמקייט און פּראַכט. — דאָס לעבן, איז עס אונדז שולדיק פאַר די יאָרן, וואָס די גרויזאַמע רוצחים האָבן מיט אייזערנע שטיוול געטראָטן אויף אונדזער בליענדיקער יוגנט.

האָסטו נישט געהערט אונדזערע וויי־געשרייען? ווו ביסטו געווען דאַן, זון? — ווי די ביימער ווילן מיר בליען. די ראָזע, רויטע בליטן

פון אונדזער צוריקגעוואונענעם פרילינג, זאָלן שמייכלען צו דעם לעבן. העלף אונדז! העלף אונדז, זון!

— — — — — — — — — — — — — — —

זע נאָר, זע! אונדזערע פּנימער רויטלען זיך און ברוינען. העד אונ־דזער נאָך נישט זיכערן געלעכטער. געקרעפּטיקט זייַנען אונדזערע גלי־דער. לויטער און מוטיק — אונדזער געמיט. האָסט צוגעהערט אונ־דזער געבעט — דו אייביק יונגע זון!

דאָס בייז און אַלע פּאַרדראָסן, וואָס האָבן ווי סטייעס הונגעריקע אַלבאַטראָסן אונדז אומעטום באַגלייט, און מיר — אין אַנגסט און פּיין, האָבן איינס דאָס אַנדערע געפּיקט און געביסן — דאָס אַלץ טרעט אָפּ פון אונדז.

אונדזער אומגעדולד פון איינעם צום אַנדערן, די בלינדע וואַנט, וואָס מענטשנס שונאים האָבן אויפגעשטעלט, אונדז צו דערווייטערן איי־נעם פונעם צווייטן — זע, ווי דאָס פאַרשווינדט.

געאָרעמט גייען מיר צוזאַמען. די ברייטע און לאַנגע ברעג־ים פּראָ־מענאַדעס זייַנען פול מיט אונדז. אונדזערע קלינגענדיקע שטימעס מישן זיך אויס מיט דעם פריידיקן געפּלאַפּל פון די אויף־און־אָפּעדיקע כוואַ־ליעס.

זון, מיר קערן זיך צוריק צו דער שטאָט און אירע מענטשן. מיר וועלן אַהין ברענגען דיין וווּנדערלעך ליכט אין אונדזערע אויגן.

באַגלייט אונדז, זון, באַגלייט אונדז אַרויס פון מאַנטאָן.

זע! אַנדערע קומען אָן — זון, זון, זון!

מאַנטאָן (פראַנצויזישע ריוויערע), יאַנואַר, 1964.

## העל־זוניקער עמבלעם

דער בלויער פויגל האָטביים ברעג דאָ, זיינע פליגל
איבער אַלץ און אַלעמען מיט ליבע אויסגעשפּרייט,
אַרויפגעהויכט אויף דעם אָרום זיין צויבער־זיגל —
הימל־בלוי — די פאַרב פון גלויבן, האָפענונג און פרייד.

די כוואַליעס רוישן דאָ נישט זינלאָז — זיי דערציילן
שטיפערישע מעשיות, וואָס דערפרייען דאָס געמיט, —
פאַרצווייפלטע און קראַנקע טרייסטן זיי און היילן
און באַהעפטן זיי צוריק מיט אַלץ, וואָס וואַקסט און בליט.

פון ראָזע פינגער טריפן פערלדיקע טויען
אין פאַרטאָגן. לעצטער שטערן, בלאַסער, לעשט זיך אויס.
פרימאָרגן עפנט אויגן, לויטערע און בלויע,
בליט אין מזרח אויף די זון — אַ פייערדיקע רויז.

עס האָבן שטיבלעך העלע, גאָלדענע און ווייסע,
אויף די ברייטע פּלייצעס פון די אַלפּן זיך געשטעלט,
פאַרקלערטע, הערן זיי — אַ באַרג דערציילט אַ מעשה
פון אַ וועלט אַ פרידלעכע, אַ גוטע, קלוגע וועלט.

די גאַסן — גערטנער בלומען, ווייסע, רויטע, ראָזע.
ביימער, צווייגן — פרוכט באַלאָדן, שטרעק די הענט און נעם
און אומעטום בליט די גאָלדענע מימאָזע —
ליבלינג־בלום פון „קאָט ד׳אַזיר״ — העל־זוניקער עמבלעם.

## אַ יום־טוב אין מאַנטאָן

עס האָט דער טאָג היינט פרי צעשטראַלט זיך,
נישט קריג צו יובלען, נישט דעם העלד פון שווערד.
פאַר מענטש פון מי האָט פרייד צעשאַלט זיך —
ס'איז יובל־טאָג פאַר שפע פון דער ערד.

קאָלירן ליכטיקע און בונטע.
דורך גרינע בלעטער, גאָלד פון פּירות בלענדט,
זיי ציען צווייג פון בוים אַרונטער,
אַריינצופאַלן גרייט אין מענטשנס הענט.

פון פרוכט דער דופט, פון בלום און גראָז.
עס קומט דאָס פאָלק, וואָס שאַפט און פלאַנצט און זייט.
דאָס צירונג — גאָלדענע מימאָזן,
באַצירט דאָס פּראָסטע יום־טובדיקע קלייד.

גייט זון אַריבער הימלס ברעגן,
פון אַלפּן שטראָמט איר שטראַלנדיקער רייץ;
עס רעגנט זון אויף אַלע וועגן,
עס איז מיט גאָלד דער בלויער ברעג פאַרפלייצט.

עס טאַנצט מאַנטאָן צו פלייט און פידל.
אַ, יום־טוב פרייד, דו מענטשלעכע — מיין ליד!
ווי שיין ביסט, פאָלק, אין פרייד און פרידן,
זאָלסט זיין פון קריג אויף שטענדיק אָפּגעהיט.

מאַנטאָן, 1957.

# ביים בלויען ברעג

כוואַליעס קומען טאַנצנדיק, מיט זיי צוזאַמען
שטראָמט די פרייד אַ יונגע, אין אַ נעץ פון שטראַלן.
גוט איז זיין אַוועק פון שטורעמדיקע ימען;
ווייט פון ברעג, וואָס כוואַליעס קריגעריש באַפאַלן.

ביי דעם ברעג דאָ, מעוועס הוידען זיך און וויגן.
טויבן וואָרקען אויף די דעכער פון די שטיבער.
אַלפן קרייזן אום דעם ברעג, אין האַלבן עיגול —
בערג, ברייט־פלייציקע, יעדער באַרג אַ גיבור,

הייבן זיך, אָן גאווה איבער פאַלמעס, דעכער,
אויף די אַקסלען, ווייסע שטיבלעך. שליאַך פון בלעטער
פילקאָלירטע, — פירט אַרויפצו, — ווילסט גיין העכער?
האָסטו שטעגלעך שמאָל־געדרייטע, נעם און קלעטער. —

אָן אַזאַרטן פאַלש־געריצטע, וואָס פאַרפירן,
אָן געוועטן צו געווינען און באַזיגן.
באָד דיין בליק אין ים פון פריידיקע קאָלירן.
מיט דער זינגענדיקער לופט באַהעפט דיין ניגון.

פויגל בלויער, אין דיין לאַנד, ווי קלאָר, ווי לויטער
ס׳איז דער הימל, אַ דורכזיכטיקער, ווי אָפן.
ווער האָט אויסגעטראַכט אַ גאָט, אַ נוקם ונוטר?
כ׳זע נאָר שלום, פרייד און רחמים איבער די אין־סופן.

## אַנקומענדיקער שטורעם

עס האָבן קריגערישע ווינטן זיך דערוווסט
פון בלויען ברעג, דעם פרידלעכן און שטילן.
משחיתים האָבן זיך אַ לאָז געטאָן מיט לוסט,
דעם קריגערס בייזן ווילן צו דערפילן.

אַ וואָלקן שוואַרץ האָט זיך געשאַרט ביים הימלס ראַנד.
דערשראָקן זיינען מעוועס אומגעפלויגן.
עס האָבן דינע, לאַנגע שאָטנס אומגעשפּאַנט
און אויסגעקוקט דאָס לאַנד פון בלויען פויגל.

סוף טאָג שוין האָבן גרויע, שוואַרצע וואָלקנס, שנעל
גענומען זיך דעם הימלס בלוי פאַרדעקן,
און וווּ ס׳איז נאָר געבליבן נאָך אַ ווינקל העל,
אַ פּינטל בלוי — פאַרשוואַרצן עס, פאַרפלעקן.

אַ ציטער האָט געטאָן, אַ צאַפּל — לעצטער שטראַל,
די אַלפּן־בערג, אין פינצטערניש פאַרשווינדן.
פאַרלאָזן איז דער ברעג אויף הפקר, צום באַפאַל
פון בייזן שטורעם־ווינט, אין חושך בלינדן.

אַ בליץ די נאַכט צעשפּאַלט — אַ פייערדיקע שווערד.
דאָס קנאַלן פון מיליאָנען בייטשן טרייבן, יאָגן;
ווייס־גריוועדיקע האַרדעס שוואַרצע, ווילדע פערד,
אין צעווילדעוועט געלאָף צום ברעג זיך טראָגן.

איך הער דאָס רוישן, שטורעמען מיט אַנגסט און שרעק,
עס הערט נישט אויף אין שלאָף דער פיין מיך קוועלן:
איך ווייס, דו ביסט אין גרויס געפאַר, מיין בלויער ברעג.
אָ, וועלן, מיינע שטיפערישע וועלן.

## נאָכן שטורעם

עס האָט אַ יונגע זון מיך אויפגעוועקט:
— שטיי אויף; עס וואַרט אַ טאָג, אַ ניי־געבוירענער,
עס בענקט נאָך דיר דיין שטילער, בלויער ברעג.
עס שמעקט מיט טוי דאָס גראָז, דאָס פריש־געשוירענע,
פון ביידע זייטן סאַמעט־גלאַטן וועג.

איך גיי צום טאָג מיט לויב אין מיינע טריט.
די אַלפּן־ריזן זיכערע און ליכטיקע
באַגריסן מיך, מיין יום־טובדיק געמיט.
עס זינגען כוואַליעס לויטערע, דורכזיכטיקע,
צום ברעג דעם בלויען, זייער פריידיק ליד.

אָ, בלויער ברעג, אויך איך זינג לויב און דאַנק.
איך זינג דאָס מענטשלעך־פרידלעכע, באַשטענדיקע.
פון גיפט פון אייגענער עס שטאַרבט די שלאַנג;
דער שטורעם האָט זיין צאָם, ער מוז זיך ענדיקן.
עס בלייבט דאָס שיר־השירימדיק געזאַנג.

איך זינג דעם פרייען פויגל־פלי אין רוים,
דאָס ליד פון גלויבן — איינס דעם צווייטן טרויענדיק;
די פולע זאַנג, דעם בליענדיקן בוים,
געזאַנג פון פאָלק מיט פאָלק אין פרידן בויענדיק, —
דאָס לעבן אייביקע — דעם מענטשנס טרוים.

# אין לאַנד פון בלויען וווּנדער

איך קום צו דיר אין טויאיקע פרימאָרגנס.
מיר דאַכט, עס טרעט אויף ערד אויף הייליקער מיין טראָט,
און אַלץ, וואָס איז געווען ביז איצט פון מיר פאַרבאָרגן,
אַנטפּלעקט זיך עס פאַר מיר דאָ, ווי אַ ליבעס־סוד.

איך זיץ ביים ברעג אין זוניקע באַטאָגן.
איך זע די שטראָמען פליסן פריידיק, שפּילעוודיק, —
איך הער די כוואַליעס מורמלען, ווי זיי וואָלטן זאָגן:
אַז נישט אין רוישן, נישט אין יאָגן איז דאָס גליק.

פאַרנאַכטן שפּרייטן לופטיקע וואָלקן.
אַ זיסער דופט צעווייעט, ווי פון פרויען־הענט.
ביי מיר אין האַרץ באַהאַלטן זיך נאָך שטראַלן
פון זון־פאַרגאַנג. דער אָפּשיין אויף אַ בוים דערברענט.

די נאַכט די שטילע, ווי אַ מאַמע וואַכט דאָ,
עס ליגט דאָס בלויע לאַנד פאַרוויגט אין שלאָף, אין רו.
נאָר איך בין וואַך דאָ אין דער שפּעטער נאַכט־שעה.
מיך וויגט די שטילקייט, כוואַליעס מורמלען צו:

— דו ביסט אין לעבנס־לאַנד פון בלויען וווּנדער.
ש — שאַ, שש, שלאָף, דיין טומל־וועלט פאַרגעס —
הפלגה־דור פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, —
דער טויט איז דאָרט דער סדר — לעבן איז אַ נס.

אין ווילד אַזאַרט — פאַרלירן, צי געווינען,
ווערט מענטשנס הייליק לעבן דאָרט אין קאָן געשטעלט.
בלייב דאָ, וווּ אַלץ אין לעבן האָט אַ זינען,
אין הימל דאָ, ביים בלויען ברעג, דיין שטערן העלט.

# געזעגענונגס-ליד

כוואַליעס פרייע, פרידלעך־פריידיקע און שטילע
בלוי־לאַנדס בלאָנדע, זוניק־בלענדיקע מימאָזן,
נעמט, פאַרנעמט מיין ליבגעזאַנג, מיין דאַנק און תפילה,
איך וועל בענקען, נאָר איך מוז אייך איצט פאַרלאָזן.

לאַנד פון פויגל בלויען, גיב מיר מיט דיין ברכה;
אויף דעם וועג צו טומל־וועלט, — אָ, בענטשט מיך, שטראָמען!
דאָרטן וואַרט אויף מיר מיין ריזיקע משפחה
פון מיליאָנען מענטשן — הונדערטער מיליאָנען.

כ'בין אַ טייל פון זיי און זייער גורל טייל איך,
פון אַמאָל, אַמאָל ביז איצט, ביז ווייטסטע ווייטן.
נישט קיין שטח מעסט איך, נישט קיין יאָרן צייל איך, —
כ'זינג דעם זין פון לעבן און דעם גאַנג פון צייטן.

פייערן פון גיהנום וועט דער מענטש פאַרלעשן, —
ער וועט וויסן גוטס פון שלעכטס צו אונטערשיידן,
פאַלשע פריידן רעווען איצט אין דזשאַז פון מעשן,
אַנדערש זינגען מענטשנס אמתדיקע פריידן.

יושר וועט געווינען, זיגן וועט דער אמת,
כ'זינג דאָס גליק פון דעם, וואָס צווייטנס עול פאַרגרינגערט:
צווייטנס עול פאַרגרינגערט און ער פרעגט נישט: „וועמענס".
דאָס געזאַנג זיינס, נישט פאַר זיך נאָר זינגט דער זינגער.

* * *

מעוועס ווייסע, זילבער־פליגל אויסגעשפרייטע,
זון אין מיינע אויגן, פרייד אין מיינע גלידער.
בלויער פויגל וועט מיך פונעם ברעג באַגלייטן
מענטש, זיין גליק, זיין לעבן — ליד פון מיינע לידער.

# אַ זון און אַ רעגן

(אין טאָן פון פראַנצויזישן שאַנסאָניערן־ליד)

איך גיי צו מיין געליבטער,
נייע שיך היינט אָנגעטאָן
פּאַר מיין געליבטערס וועגן —
שיינט אין האַרץ ביי מיר די זון,
אין דרויסן גייט אַ רעגן.

איך גיי צו מיין געליבטער,
כ׳וואָלט עס עמעצן דערציילט,
קומט קיינער נישט אַנטקעגן —
אַז מיין האַרץ איז פול מיט פרייד,
דערצייל איך עס דעם רעגן.

איך גיי צו מיין געליבטער,
פיר מיך, רעגן, פיר מיך, פיר,
כאָטש ביז צום הויז צו אירן —
רעגן פּאַטשט אין פּלייצע מיר:
נו, קום, איך וועל דיך פירן.

צענעצט די שיך, די נייע,
און דאָס העמד — ערשט פריש געפּרעסט,
(איך בין אַליין די וועשין).

אָבער איין זאַך, רעגן — ווייסט
מיין ליבע נישט פֿאַרלעשן.

איך גיי צו מיין געליבטער
און דער רעגן גייט מיט מיר —
ס'איז פֿריילעכער צוזאַמען.
כ'טראָג אַ פֿינגערל פֿאַר איר;
אַ שאַלעכל — איר מאַמען.

אָ, ליבסטע מיינע, מיידל,
כ'זע דאָס הויז, די טיר, באַלד, באַלד;
אַט לויפֿט זי מיר אַקעגן
און איר פּנים, ווי עס שטראַלט,
אַ זון אינמיטן רעגן.

פּראָנצויזישע ריוויערע, 1957.

# איטאַליע

## ווייל דו ביסט אַ זוניק לאַנד

איטאַליע, כ׳האָב געזען אין דיינע שטעט די לוקסוס־היימען,
איך האָב געהערט, וואָס גאַסן אָרעמע, פון נויט דערציילן.
עס זיינען דיינע שטעט צעטיילט, אָן בושה און אָן מורא,
אויף צוויי אומגלייכע, אָרעמע און רייכע טיילן.
און ווייל דו ביסט אַ ליכטיק, זוניק לאַנד — איטאַליע —
שרייט דאָס אומרעכט צו דער זון,
אָפענער ווי אומעטום.

איך בין געווען אין דיינע געסלעך, קרומע און צעדרייטע,
אויף זיך געפילט דעם הונגער־בליק פון קינדער אין די שטובן.
עס שמעקן דיינע גאַסן מיט די פּרעכטיקע בנינים,
נאָר כ׳קען זיי נישט באַוווּנדערן, איך שעם זיך זיי צו לויבן...
און ווייל איך ווייס, ווי הייס דיין צאָרן ברויזט — איטאַליע —
וואַקסט מיין האָפענונג און בליט,
זינג איך דיר מיין ברכה־ליד.

# די כוואַליעס דערציילן...

איך גיי ביי דעם ים־ברעג, דעם מילדן, איטאַליעס,
ווי גוט ס'איז דאָס רוישיק געמורמל צו הערן!
אויף נאַכטיקע זאַמדן עס קומען די כוואַליעס,
זיי קומען און ציען צוריק זיך נישט גערן.

זיי שפּרייטן אוזארן לבנהדיק־ווייסע.
עס שמייכלען אַרונטער פון הימל די שטערן.
די כוואַליעס דערציילן די אַלט־נייע מעשה,
די זעלביקע מעשה פון זיין און פון ווערן.

דאָך וואָלט איך כסדר זיי הערן דערציילן
די מעשה פון מיטן — אָן אָנהויב, אָן ענדע.
מיר דאַכט אָפּט, איך הער און פאַרשטיי שוין אויך טיילן,
וואָס כוואַליעס דערציילן פון צוקונפט־לעגענדע.

## אונטערן לויטערן הימל איטאַליעס

דאָ, אונטער דעם לויטערן הימל איטאַליעס,
אין נאַכטיקע שעהן, אין שפּעטע, אין שטילע, —
פאַרנעמט מיין געמיט דאָס געזאַנג פון די שטערן,
אַז כ׳הער גאָר די אייגענע טריט נישט אפילו.

איך גיי איבער געסלעך געפירט פון מחשבות,
מחשבות, חלומות — זיי קענען פאַרפירן,
עס היט מיך פון הימל די פולע לבנה,
איך זאָל דאָ חלילה דעם וועג נישט פאַרלירן.

איך גיי דורך די געסלעך, באַפאַלט מיך אַ טרויער —
האָסט אוצרות, איטאַליע, פון דורות גאונים;
די זין דיינע שמען, אין לענדער, פאַר בויער,
זיי בויען פּאַלאַצן און זע, ווי זיי וווינען!

עס קומען מיליאָנען, אויף חידוש און גאַפן —
פון מזרח, פון מערב, פון צפון און דרום,
עס האָבן די מייסטער דיר וווּנדער געשאַפן —
פאַרוואָס איז דיין פאָלק אַזוי מוראדיק אָרעם?

## איטאַליעס מאָדערנע מאַדאָנע

אַ פּאַלאַץ־מוזיי. ער שטייט שוין פיל הונדערטער יאָרן.
געלעבט האָט נאָך דאַן לעאָנאַרדאָ דע ווינטשי.
מען קומט זען דעם וווּנדער, פון לענדער פון ווייטע צופאָרן —
געבויט האָט דעם פּאַלאַץ אַ רייכער מעדיטשי.

פון מאָלערס גאונים, געמאָלן סופיטן פון זאַלן.
ווי ראַמען, געקאַרבטע אין גאָלד — די קאַרניזן.
מלאכימלעך בלאָזן אין לאַנגע טראָמפּייטערס — זיי שאַלן, —
דאָרט פירן מלחמות די געטער מיט ריזן...

לעגענדעס פאַרקערפּערט אין פאָרם, קאָלירן, פיגורן,
געבראַכטע צום לעבן פון מייסטער און גאון —
באַשאַפער פון געטער און געטינס, וואַקכאַנקעס, סאַנטורן
און חיות מיט פליגל און געטער מיט קלאָען...

מאַדאָנעס, מלאכים און הייליקע הימל־געשטאַלטן,
און קערפּער ווי זונען און קערפּער — ווולקאַנען;
סאַנטורן און ריזן און געטער פון עבר פון אַלטן —
געפאַנגען אין שווערע, אין גאָלדענע ראַמען...

* * *

עס קומען טוריסטן צוזאַמען, מען קומט אויך באַזונדער.
און גרופּעס געפירטע פון פירער, וואָס ווייזן.

מען גייט דורך די זאַלן באַגייסטערט פון וואונדער צו וואונדער,
מען דרייט זיך אַזוי ווי פאַרשיכורט אין קרייזן.

עס הערט זיך התפעלות: „אַ מייסטער", „שעדעווער" און „געניוס".
די פירער דערקלערן פון אַלץ, וואָס זיי ווייסן:
— און איצט וועט מען זען באַטיטשעליס: „דער פרילינג" און „ווענוס".
עס בריען די פאַרבן... די לופט איז אַ הייסע...

דורך זאַלן, דורך צענדליקער טירן, ביז העכערן גאָרן —
אַ באַקכוס, מאַדאָנעס, וואַקכאַנקעס, סאַטירן.
פיגורן אין מאַרמאָר, אין גאָלד און זילבער־גראַווירן.
און צירונג פון זעלטענע קונסט־יוועלירן.

גינגאָלדענע רינגען, בראַסלעטן און בראָשן געשניצטע,
אַ קרוין און אַ סצעפּטער, טיאַרעס, דיאַדעמעס
באַזעצט מיט רובינען, ברילִיאַנטן אין פּריזמעס צעבליצטע —
ווער האָט זיי געטראָגן?... געווען איז עס ועמענס?...

עס שווינדלט אין קאָפּ מיר, איך טרינק זיך אין ים פון קאָלירן.
איך מאַך צו די אויגן — זיי זיינען מיר שיכור.
די וועלט דאָ, זי האָט מיך געפאַנגען אין כישוף אין אירן,
איך האָב דאָ פאַרלוירן דעם זין פון דעם עיקר...

— — — — — — — — — — — — — — —

אָט בין איך אין דרויסן, ווי גוט ס'איז! אָט שטיי איך...
איך שפּאַר זיך אין וואַנט אָן. איך אָטעם אָפּ פרייער.
די געטער — די פּריסטער — און אויפן מזבח, —
דער מענטש איז דער קרבן, וואָס ברענט אינעם פייער...

איך שטיי און איך ברום־צו אַ ניגון, אַ לאַנג שוין געהערטן.
ס'איז גוט דאָ. דער הימל, איטאַליעס, דער בלויער!

איך טראַכט פון דעם מענטשן, זיין לעבן, באַגריפן און ווערטן.
עס אויערט אַרום מיר אַ ליד פון באַדויער...

איך הער אַ געמורמל — פון וואַנען? דאָ, נאָענט, אַרום מיר.
אַ פרוי און אַ קינד, נישט געהערט גאָר איר קומען.
אַ קליידל, אַן אַלטס, אין איר בליק אַזאַ טרויער, אַ שטומער;
אַ טיכל, אַ שוואַרץ, ווי אַ ראַם צו איר פּנים.

דאָס קינד אויף איר אָרעם. קוים, עטוואָס, אַ ברוסט אַן אַנטפּלעקטע.
„די פרוי און דער פּאַלאַץ" — לויפט דורך אַ מחשבה,
איר פּנים — די אויגן — איר האַנט איז צו מיר אַ געשטרעקטע,
זי מורמלט שטיל: „פּרעגאָ"*), עס בעט אַ נדבה —
איטאַליעס מאָדערנע מאַדאָנע...

איטאַליע, 1960.

---

*) „פּרעגאָ" — כ'בעט דיך.

# „באַנקראָטאַ קאַפּיטאַליזמאָ"

אַ מאַרק־טאָג — — —
עס האָבן משפּחות דורך נעכט שפּעט געאַרבעט צוזאַמען
ביים שטריקן און העפטן, ביים נייען די שטאָפן מיט קווייטן.
עס האָבן געהאָלפן די קינדער, דעם טאַטן, דער מאַמען
די היימישע סחורות אין פאַרבן, פאַר קונים פאַרגרייטן.

מען האָט נישט געציילט דאָ די שעהן, מ'האָט שווער נאָר געמיט זיך,
איצט שטייען באַצירטע די טישן, די קעסטלעך, די קוישן.
עס האָבן די גאַסן די גרויע, קאַיאָר נאָך צעבליט זיך —
אַ שפע פון סחורות קאָלירטע, וואָס רופן, וואָס רוישן.

דער בלענד פון דער זון האָט געלייגט זיך אין קווערן, אין פאַסן —
פאַרדעקן דעם עלנד דעם וויסטן אויף ווענט און אויף שוועלן
און זשמעניעס מיט גאָלד־שטיק צעוואָרפן אין שטויבן פון גאַסן,
צו לאָקן די קונים טוריסטן פון ים־ברעג האָטעלן.

עס פילן די לופט אָן מיט קולות, פאַרקויפער פון סחורות;
פאַרקויפער פון אייגענער מי, נאָר צו שטילן דעם הונגער.
איך הער אין די קולות, די קריוודעס פאַרשוויגן דורך דורות, —
עס קלינגען דאָך מונטער און זיכער די שטימעס פון יונגע.

עס קומען די קונים! געמיש פון לשונות צעקלינגען
אין לופט פון די גאַסן — זיי קומען מיט גרינגע געמיטער,

זיי ווייסן: דאָ קויפט מען מציאות, מען דאַרף זיך באָר דינגען...
לשונות, געלעכטער און קולות אין לופט דער צעגליטער.

אַ יונג, ביי זיין סחורה, דער פנים, אַן אָפגעצערט ברוינער,
קלוג שמייכלען די אויגן: „איך ווייס, וואָס נישט אַלע נאָך ווייסן"...
זיין שטימע, אַריבער די קולות, דערגרייכט צו די קונים,
אַ שטימע, אַ קלינגענדיק־שטאַרקע, אַ גליענדיק־הייסע:

— „קויפט, קונים, מציאות, ביי מיר, צי ביי יענעם — קיין חילוק!
קומט צו און איך וועל אייך דערציילן פאַרוואָס, און אָן מורא,
ס'איז פון אַ באַנקראָט אונדזער אַרבעט, פאַרקויפט זיך עס ביליק;
עס איז פון דעם גרעסטן באַנקראָט אונדזער מי, אונדזער סחורה" —
עס דונערט זיין שטימע: — „באַנקראָטאַ קאַפּיטאַליזמאָ"

„באַנ־קראָ־טאַ — — — קאַ־פּי־טאַ־ליז־מאָ" — — —

איטאַליע, 1960.

## ליד פון מענטשנס לעבן אויף דער ערד

.1

איך האָב אין זוניקן בייטאָג,
ביים ברעג פון ים געזונגען
ליד פון מענטשנס לעבן אויף דער ערד.
דאָס ליד געפעלן איז די טאַנצנדיקע וועלן.
אינדן האָבן דאָס געזאַנג פאַרנומען
אינעם שנעלן, שנעלן יאָגן
איבער באַרגיק־הויכע וואַסער־וועגן, —
ווייט און ווייטער פון די ברעגן.
ווינט — דער פליגלדיקער רייטער פון די ימען
האָט צום הימלס־ראַנד
דער זון געבראַכט, אַ פריידיקער צו טראָגן —
ליד פון מענטשנס לעבן אויף דער ערד.

.2

פריע אָוונט־שעהן. ס'איז די זון
אַראָפּ אַהיים זיך אָפּצורוען.
אויפן הימל־שליאַך צעוואָרפן זענען
ראָזע פלאַמען, וואָס דערברענען,
פאַרבן־שפּילערייען, גאָלד־געשניצטע האַרפן;
בלומען אין קאָלירן, וואָס פאַרגייען,
לעצטע שטראַל־צעבליצטע קופער־מעשן,

פערל און אָפּאַלן — בלייכן און פאַרלעשן.
אויף פּאַסטעל־קאָלירטן הימל
אויפגעטויכט האָט, ווי אין נאָטן־שריפט פאַרצייכנט,
פון אַ העלן שטראַל באַלויכטן —
ליד פון מענטשנס לעבן אויף דער ערד.

.3

אַ פאַרנאַכט, אַ זומערדיקער, מילדער.
הימל־בלויע טוליען, ווייכע,
שפרייטן זיך אויף מאַטן גאָלד פון זאַמדן.
ווי פאַרלאָזן, ווייט פון ברעג דאָ
טוליעט זיך אַ שיפל צו די סקאַלעס.
כ׳בין פון טאָג נאָך דאָ פאַרבליבן
און נישט ווייט אויך זיצט אַ זוניק־ברוינע מאַמע,
פון איטאַליעס פישער־לייט אַ טאָכטער,
טוט זי אין איר שויס איר קינד פאַרוויגן,
הער איך אינעם ריטם פון די כוואַליעס,
אין דער יונגער מאַמעס ניגון —
ליד פון מענטשנס לעבן אויף דער ערד.

איטאַליע, ביים אַדיאַטישן ים־ברעג,

זומער, 1962.

# טוריסטן

זיי קומען צופליען צוזאַמען, ווי פייגל אין סטייעס.
זיי פילן די לופט אָן מיט רעשיקן רעדן און רעגן;
זיי גייען צוזאַמען אַזוי ווי משפּחות געטרייע.
מען דאַרף גאָרנישט פרעגן — עס קומען די וווּנדער אַקעגן...

עס קומען אַקעגן פּאַלאַצן, אַמאָליקע שלעסער.
פון ריזיקע גייסטער געשניצט און געבויט — קאַטעדראַלן.
מען האַלט איין דעם אָטעם — איין חידוש פון צווייטן איז גרעסער;
די אויגן באַצויבערטע לויכטן דורך טרערן, זיי שטראַלן.

עס קומען אַקעגן אַמאָליקע אוצרות, אַנטיקן,
סקולפּטורן און בילדער באַרימטע, אין רייכע מוזייען!
אָן ווערטער עס רעדן זיך איבער דאָ בליקן מיט בליקן —
עס איז גאָר קיין גליק און קיין פרייד נישט, אַליין זיך צו פרייען...

וואָס טוט מען, וואָס טוט מען? אַזויפיל, אַזויפיל צו זען נאָך —
אָט איז אַלץ אין ביכלעך, בראָשורן פאַרצייכנט, פאַרשריבן.
מע איילט זיך פון טירן אין טירן, ווער ווייסט, צי מען קען נאָך
באַווייזן — אַזויפיל געזען שוין, נאָך מערער פאַרבליבן...

— — — — — — — — — — — — — — —

עס בייטן זיך סטייעס נאָך סטייעס, — מען קומט און מען שיידט זיך.
מען נעמט מיט דעם יום־טוב, באַשיינען די וואָכיקע זאָרגן.
עס דרייט זיך אַזוי, אָ, דאָס רעדל פון צייט און עס דרייט זיך,
ביז אַלע צעפליען, אין איינעם, אַ גרויען פרימאָרגן...

## אַדריאַטישער ים־ברעג

אין הייס־זוניקע באַטאָגן!
ליגסטו ברייט און ווייט צעשפּרייט,
און אָטעמסט שטיל, אין רואיקן געמיט,
כאָטש נעם און צי זיך אויס
אויף מיניענדיקן גרין
דאָס פּנים צו דעם הימל
גאָלדענעם און בלויען.

ווי גוט עס איז אַזוי צו ליגן
אויסגעשפּרייט די הענט,
די אויגן האַלב־געשלאָסן
און זיך וויגן, ווי אויף פליגל,
וויגן זיך די אַלבאַטראָסן
אָפּצורוען, רוען, רוען
פון גרויסן אומרו פון דער שטאָט,
פון שטאָל און שטיין
פון טויזנט וועלטלעכע פאַרדראָסן,
פון אומזיניקן גערויש און שטויב,
וואָס מאַכט דיין קערפּער מיד און טויב
און פרעמד צו זיך אַליין.

סעניגאַליע (איטאַליע), זומער, 1962.

## איטאַליענישע יוגנט טאַנצט דעם „טוויסט״

.1

### ד ע ר ו ו אַ ר ט ו נ ג

בייטאָגעדיקער הימל — ווייס־צעגליט.
פון זון פאַרפלייצט איז ים און רוים.
אין שטילן דרימל מורמלען כוואַליעס מיד.

ביי דער פליאַזשע — אַ טעראַסע.
אומגעדולדיקע, דערפרייטע,
סעניגאַליער יוגנט וואַרט
אויף „טוריסטאַ אַמעריקאַנאַ״ —
פולע טאַשן האָט ער, האַלבע־הונדערט לירע־שטיק,
יעדער שטיק באַזונדער איז אַ שליסל
צו דעם נייעם שפּילער־קאַסטן,
דעם באַצירטן מיט קאָלירטן מאָזאַאיק, —
דאָרטן איז געפאַנגען און פאַרשלאָסן
זייער איצטיק גליק.

פּיס אין אומרו, ווי דער דיל וואָלט בריען —
סטייע פייגל, גרייט צום פליען.
באַלד וועט גאַסט אַמעריקאַנער
זייער גליק באַפרייען.

צו דעם שפּילער־קאַסטן טוט אַ שפּאַן ער —
יונגוואַרג האָט געוואַרט דאָ נישט אומזיסט, —
נאָר אַ דריי געטאָן דעם קראַן ער,
האָט אַ זעץ געטאָן, ווי קאָכעדיקע לאַווע — „טוויסט״.

.2

## דער טאַנץ

„טוויסט״ — דער אַספּאַלט איז גלאַט און ריין
און גרויס און פריי דער דרויסן איז, —
און פאַר דער טיר אַ בערגל מיסט — „טוויסט״.

„טוויסט״ — קופּער־קערפּער דין און בויגיק —
בויט און ווינט מיט זון געקנאָטן
און די פיס — זיי קענען נאָטן,
גאָרנישט ווי אויף דר׳ערד געטראָטן,
ווען זיי טאַנצן „טוויסט״.

„טוויסט״ — אַ בויג, אַ נויג, אַ דריי אַרום,
אין זעלבן אויגנבליק — צוריק.
דאָ געוואַקסן קינד מיט קינד;
ייִנגל, מיידל — זי און ער און ער און זי,
אַ ציִ, אַ ברי, אַ ציטער־צאַפּל און אַ פלאַטער,
הונגעריקע, זאַטע —
דריי זיך, דריי, אין לופט צעהיצט — „טוויסט״.

„טוויסט״ — אין גאַנג אין שטענדיקן פון יאָרן,
זינט ערד איז ערד און זון איז זון
דרייען זיך אין טאַנץ די פּאָרן.
ערלעך, פריי — דעם טאַנץ געטריי,
ווער דו ביסט און ווו דו ביסט,
פונעם אוראַלט, אוראַלט אָן ביז איצט — „טוויסט״.

3.

## די נאָנע

פון דערווייטנס, ווי פֿאַרלוירן,
שטיין־געבליבן איז אַ נאָנע.
יונג און פֿרום דאָס פּנים בלייכע,
אַ מאַדאָנע־שמייכל — אירע ליפּן;
ווייכער טרויער — אירע אויגן,
אַ פֿאַרחלומטע, פֿאַרקלערטע — זעט און הערט.

און מיטאַמאָל האָט זי דערפֿילט
אַ דינעם ציטער אין די קני.
ז'האָט אַן אויגנבליק געשפּירט,
ווי אונטער אירע פֿיס וויברירט די ערד.
זי האָט זיך שנעל געטאָן אַ ריס אַוועק.
זי גייט און גייט אין לאַנגן, שוואַרצן נאָנע־קלייד.

צום האַרצן דריקן אירע הענט
דעם גלאַטן, קאַלטן צלם אירן,
צו דערשטיקן ברי פֿון זינד,
וואָס ס'האָט אַ צינד געטאָן
אין אירע יונגע בריסט —
דער „טוויסט".

סעניגאַליע (איטאַליע), זומער, 1962.

# אַ נאַכט פון איבערטראַכטעניש און שרעק

.1

איבער די ברעגן, די שענסטע, איטאַליעס,
ווייט פון די אָרעמע שטיבלעך און געסלעך
שטייען פאַרפוצטע די לוקסוס־האָטעלן.
„רוען", דורך טעג דאָרט, אין ווייכע פאָטעלן
דייטשישע „הערן".
ווייסט מען פון פריילעכע ערטער פאַרגרייטע,
פאָרן די דייטשן, די רייכע, פאַר מיילן —
נעכט צו פאַרווײַלן.

אונטער דעם לויטערן הימל איטאַליעס,
ווייט אין אַ ווינקל אַ שיינעם פאַרהוילן;
איבער די כוואַליעס פון איינעם אַ ברעג דאָ,
וויגט זיך דורך טעג און דורך נעכט דאָ,
אַ זומער־„ראָטאָנדע", —
וויגט זיך, ווי ז'וואָלט אין לופטן הענגען.
קומען די דייטשן אין גרויסע „מערסעדעס",
נעכט דאָרט פאַרברענגען.

ווערט אין „ראָטאָנדע" געפרעסן, געטרונקען,
זאַט פון פּאַטראַוועס אין רייכע האָטעלן,

שניידט מען דאָ וווּרשטן, און שאַרף זיינען מעסערס,
שניידן זיי שטיקער, וואָס דיקער, וואָס גרעסער.
עסט מען די ווורשטן,
טרינקט מען געטראַנקען צו לעשן די דורשטן;
גיסט מען שאַמפּאַניער, מיט שאָס פון די פלעשער,
ביר — פון די פעסער.

.2

וואָס איילסטו אַזוי זיך דאָ איבער די געסלעך,
לבנה, דו בלאַסע? — כ׳האָב אויך זיך דערשראָקן.
דאָס שיכורע ריטשען — ווי מאָנסטעריש־העסלעך!
דאָס קומט פון „ראָטאָנדע" — די אַרישע ראָסע.

אַ שדים־אָרקעסטער — עס רוישן די מעשן.
וואָס האָט דאָ געטראָפן, אין נאַכט אָט דער שטילער?
עס האָבן די שטערן געגומען זיך לעשן —
זיי קומען די אַריער, זיי קומען שוין ווידער!

האָט פאָלק שוין פאַרגעסן? צי ס׳האָט זיך באַהאַלטן?
ס׳איז קיינער נישט וואַך דאָ, די מערדער צו היטן, —
אַ שרעק און אַ טרויער, די טריט מיר פאַרהאַלטן,
ס׳איז הפקר מענטשס לעבן, ביים האַר פון פּראָפּיטן.

אוי, וויי, ווי די פעלקער, ווי שנעל זיי פאַרגעסן!
דער האַר פון פּראָפּיטן, פון מענטשן דער שונא.
מען פירט שוין אַ מסחר — מ׳האַנדלט איין לענדער —
ווער — דער פאַרקויפער? און ווער איז דער קונה?

.3

פלאָנטער פון געפילן און מחשבות
האָט מיין האַלדז אַרומגעכאַפּט, געשטיקט —

איינאונאיינציק וואָרט נאָר פּיקט און פּיקט
ביי מיר אין מוח:
ווער איז ווער?
ווער איז מערדער? ווער איז נישט?
און דער שולדיקער, דער נישט־באַשטראָפטער,
ווו איז ער?
ווער איז דער, וואָס וועט באַשיידן און אויסטיילן,
אַז זיי האָבן זיך פאַרמישט,
איבער לענדער, ווי מגפות זיך צעוואָרפן,
שנאה־שרפות שפּרייטן און פאַרגרייטן;
נייע טויטן, נייע פּיינען אָנצווועגדן
קעגן מענטש און פעלקער —
זיי פון אַלץ, צוזאַמען מיט דער הויט פון לייב —
באַרויבן.
זיי פאַרטיליקן, פאַרלענדן? —

.4

ווו אַ שונא פון דעם מענטשן,
רעדט ער, בעט ער נאָר „מחילה"
פאַר די פייניקער פון פעלקער:
ווייל זיי וועלן — כלומרשט —
„וועלטס באַשיצער זיין"...
זיי, וואָס האָבן אין דעם לייב און לעבן פון מיין פאָלק
און פעלקער, מיט אָנגעגליטן ציפער־שריפט אַריינגעברענט
די חתימה זייערע, די טמא — וועלן וועלטס באַפרייער זיין!
ווו אַ פויגל נאָר, וואָס לעבט פון רויב,
ווו אַ חיה־רעה, וואָס באַפאַלט נאָר צו פאַרציקן,
שטיקן זיך פון דער המצאה.
די שאַקאַלן, וואָס באַפאַלן פעלדער, נאָך די שלאַכטן —
לאַכן.
עס וואָלט צו דעם דער טויט אַליין
זיך נישט דערטראַכטן.

.5

עס בלויט דער רוים.
עס בלאַסט דער זוים פון הימל.
נאַכט־פלאַמען — אויסגעלאָשן,
דאָס גיהנומדיקע ריטשען — אָפּגעשטעלט.
פון קאַשמאַרן־פּלאָנטער, קוים זיך אויסגעפּלאָנטערט,
דאָך, געבליבן נאָך אין מיר די מורא און אַ קעלט.

— — — — — — — — — — — — — — —

צום מזרח איז מיין בליק געווענדט —
פון דאָרט — דער ליכטיקער באַגין.
עס שטרעקט אַהין די האָפענונג,
אירע הענט געפרוירענע — דערוואַרעמען...
דאָך, וואָס וועט זיין? אָ, וואָס וועט זיין? —

איטאַליע, 1961.

## נ י ו ־ י אָ ר ק

# ד ע ר מ ע נ ט ש

פון אַלע היפּוכים און מינים — איין מין.
דער שטרייט אין דעם מענטשן גייט אָן נאָך ביז איצטער, —
קאָנטראַסטן אים וואַרפן אַהער און אַהין,
דער מענטש איז דאָס שלאַכט־פעלד, דער שטרייט — אַ צעבליצטער.

דער מענטש נאָך פאַרמאָגט וואָס פון וואָלף און פון לאַם,
ס׳איז דאָ נאָך דער צווייפל און ספקות אין גלויבן;
דאָס גוטע געמישט איז מיט שלאַנגישן סם,
אַליין איז דער יושר נישט פריי נאָך פון רויבן.

די פּרוכטבאַרע ערד האָט געשפּייזט אים, גענערט;
ר׳האָט גאָלד געזוכט, געפונען אין אירע טיפן.
איצט זוכט ער אין הימלען די גליקן — די ווערט
פון לעבן אייגענעם, נאָך אַלץ נישט באַגריפן.

## צוויי זיילן ליכט*)

ווי ביי דער שלאַכט אין גבעון — זון, אָ, נישט פאַרגיי!
אָ, וויזער־צוויי, נישט איילט אַזוי צום ציפער אַכט!
עס ציילט אַ וועלט די רגעס, ציילט און מעסט
און בעט: כאָטש איין מעת־לעת, אַ טאָג, אַ נאַכט —
לויכט אויף אַ שטראַל פון האָפענונג און טוט אַ פאַל,
אַ ציטער, און פאַרלעשט — ס׳איז נישט געשען דער נס!

עס האָבן מיט רציחה, שנאהדיקע הענט
פאַרשוועכט, געשענדט דעם שבת און פאַרשטערט;
מ׳האָט אין פנים אונדז פאַרקלאַפּט די לעצטע טיר.
אין מערב האָט די זון אַ פאַל געטאָן צו דר׳ערד, —
ברוטאַל האָט שונאס האַנט אַריינגעשטאָכן פלינק
אין ברענענדיקער וווּנד, זיין אָנגעגליטע שווערד.

אַ רגע שטיל... דער זייגער טיקט... עס שטיקט געוויין,
עס רייסט זיך ים פון ברעג; אַ ווינט פון זיפץ און קרעכץ.
ס׳האָט וועלט דערזען אַ וויסטן חלום אויף דער וואָר,
זיך אומגעקוקט מיט שרעק און קלאָר דערזען דאָס שלעכטס
און זיך צעוויינט אַ פיל־מיליאָנענדיק געוויין, —
ששש — עס שלאָפט דאָס אויסגעפּרוווטע, וווּנדערלעכע פּאָר.

די נאַכט איז שוואַרץ, די לופט איז שטיקנדיק, געדיכט,
און אומגעריכט, פון פינצטערניש עס רופט אַ קול
פון לויטערן געזאַנג: — „אָ, קומט, וואַרפט אָפּ די שרעק
פון טויט, עס וועט שוין לאַנג נישט דויערן די נאַכט!״.
פאָלגט ריי נאָך ריי דעם רוף, דעם רוף פון זיי — אָ, זעט!
אָ, זעט! צוויי זיילן ליכט באַלויכטן אונדז דעם וועג.

*) עטל און יוליוס ראָזענבערג זיינען אומגעקומען אויף דער עלעק־טרישער שטול, פרייטיק פאַרנאַכט, דעם 18־טן יוני, 1953.

#ביים לייענען די בריוו פון עטל און יוליוס

.1

נישט איר — דער טויט האָט אָפּגעקערט פאַרשעמט זיין פינצטער פּנים.
נישט פון קעניגס ווייגאַרטן, נישט פון שלאָס מיט טעפּיכער און בלומען,
נאָר פון טויטן־הויז, געפּייניקטע, אומשולדיקע — באַשטראָפטע
האָט איר אַ געשאַנק געמאַכט דעם מענטשן, דעם בחיר היצירים —
דאָס געזאַנג דאָס לויטערע פון מאַרטירער אויסגעפּרוווטע,
וואונדער־בריוו פון ליבע גרויס און שטאַרק — אַ נייער שיר השירים.

שיר השירים צו דעם לעבן, פּלאַם פון ליבע — יעדע שורה,
אָנזאָג אויף אַ וועלט אַ נייער, יעדער ליבעס־וואָרט אַ בשורה.
הייליק האָלט איר אייער לעבן, מער נאָך הייליק איז אייך יענעמס.
אייער ליבע רעדט צום מענטשן און די רייד, ווי וואָר זיי זענען —
עכט ווי אייער לעבן — שטראַלט אַרויס פון יעדן וואָרט דער אמת,
בראַנד און פייער פונעם גיהנום וועט דעם אמת נישט פאַרברענען.

.2

כ׳גיי אַרום פאַרלוירן און דערשראָקן, — ניין, איך קאָן נישט רוען,
וווּ איך זאָל נישט זיין, אין שפּעטער נאַכט אָן שלאָף, אין פריע שעהן —
כ׳הער נאָר דעם „פאַרוואָס״ מיט אַ געבעט און מיט פאַרדראָס און מאָנען:
„דער רוצח משפּט דעם גערעכטן, דעם, וואָס איז נישט שולדיק.
ווען, אָ, ווען שוין וועט דער גרויסער טאָג פון דין וחשבון קומען?״
הער איך זייער קול דאָן נאָענט: — „טו און מאָן און זיי געדולדיק״.

זעץ איך זיך אין שטילער נאַכט צום טיש און מיש מיט דורשט און אייפער
זייער בוך, דעם נייעם שיר השירים, ווי אַ הייליק ספר, —
לייען איך, מישן זיך די ווערטער, שורות בייגן זיך און קרייזן —
נישט קיין ווערטער, נישט קיין שורות, נאָר צוויי גליענדיקע רויזן —
נישט קיין רויזן — צוויי געזיכטער פלאַמען־אויף, אויף יעדן בלעטל,
כ׳שליס די אויגן... האַרץ מיינס שטיל צעוויינט זיך: „יוליוס — עטל״.

## איצט שלאָפט ער — „מעני״*)

פידלען שפּילן אויס מיין טרויער
און דעם טרויער פון מיליאָנען —
טרויער, נישט געהילט אין שוואַרצן, —
הימל לויטערער און בלויער,
שטערן און לבנה־שטראַלן
וועלן שטענדיק אונדז דערמאָנען:
ר׳איז געפאַלן — מ ע נ י.

ווי אַ פאָדעם זייד אַ רויטער,
דורכגעוועבט דורך ליד פון לידער,
פון מאַרטירער־פּאָר געהייליקט,
מיט אַ ליבע טיף און לויטער;
ווי עס נעמט זיך אָן אַ זאָמען

*) אין אָנדענק פון עמנואל בלאָך, דעם מוטיקן פּאַרטיידיקער פון גע־רעכטיקייט, וועמען עטל און יוליוס ראָזענבערג, אין זייערע בריוו פון טויטן־הויז, רופן מיט ליבע און פּאַרערונג: „מעני״.

און צעבליט זיך — אויפגעגאַנגען
איז דער נאָמען: מ ע נ י.

ערלעך, מוטיק און געדולדיק,
דעם פאַרצווייפלטן דערמוטיקט;
נישט געשוינט ברוטאַלן הערשער
און געזאָגט אים: דו ביסט שולדיק!
דער אומשולדיקער־באַשטראָפטער —
נישט געלאָזט אים רואיק שלאָפן, —
איצטער שלאָפט ער — מ ע נ י.

שפּילט־זשע פידלען, נישט קיין טרויער, —
שפּילט דאָס ליד פון די מאַרטירער,
שפּילט אַ וועלט, וואָס לעבט אין שלום
און פון נייער וועלט די בויער;
שפּילט אויס פילקאָלירטע בלומען
צו דעם פאָלקס־זון דעם געטרייען —
שפּילט דעם נאָמען — מ ע נ י.

## „מאַשינאָווע לידער"

ווילט איר וויסן ליבע ברידער,
ווו איך שאַף זיי, מיינע לידער?
זעט, די לידער מיינע שאַף איך
ביים מאַשין, ווו שטענדיק שקלאַף איך.

ביים מאַשין, דעם קאָפּ געבויגן,
בלוטן, טרערן מיינע אויגן —
ניי איך קליידער, שאַף איך לידער,
אוצרות גאַנצע, ליבע ברידער.

קנוילן פּאָדעם גיט דער באָס מיר,
קנוילן טרערן גיט פאַרדראָס מיר,
זיץ איך, זינגער, פון באַגינען
ביי די „זינגער" ניי־מאַשינען.

פול מיט בלוט דאָס האַרץ פאַרלאָפן,
מאַך איך טאַשן, פלעכט איך סטראָפן,
אין דעם ווילדן שאַפּ־גערידער
שטעפּ איך קליידער, וועב איך לידער.

(„דער גרויסער קונדס", ניו־יאָרק, 4 פעברואַר, 1909).

## אויף די קברים פון די טויטע

די קרבנות פונעם „טרײַענגל־פײַער"

מיט אַ נײַעם קריעה־ריס אין האַרצן,
מיט אַ וווּנדן־זעל, געהילט אין שוואַרצן,
קום איך, מענטש, צו דיר, נישט שעלטן, שרײַען,
נאָר מיט שלאַנגען־גיפט און גאַל וועל שפּײַען
איך אין פּנים דיר... שטומער צער און צאָרן
פון מײַן בליק — ווי אַ שפּיציק־שאַרפער דאָרן —
וועט צו דיר אין האַרצן שטענדיק צילן...
ביז דו וועסט דײַן אייגן וווּנד דערפילן...

פילסט נישט, מענטש!... דו האָסט אַליין געצונדן
און געברענט ביי זיך אין האַרצן וווּנדן...
פון דײַן אייגן לײַב געריסן האָסטו פּאַסן,
און געוואָרפן הפקר אויף די גאַסן...
שד, מענטש! האָסט דעם שליסל צום גן־עדן,
און איך צאַפּל זיך אין גיהנומס לײַדן...
קאָנסט, נאָר ווילסט נישט, מיך און זיך באַפרײַען!...
גאָט, מײַן גאָט דו, זאָל איך וויינען? זאָל איך שרײַען?

כ'וועל אין האַרצן שטיקן מײַנע לײַדן
און וועל שווײַגן שטום, איך וועל נישט ריידן...
וואָס פאַר אַ שפּראַך קאָן צו דיר אין האַרצן דרינגען
נאָך אַ יענע רויטע פײַער־צונגען,
ס'האָבן דורשטיק, טיף זיך אײַנגעזויגן
אין דײַן לײַב און בלוט, אין דײַנע אויגן?...
שטום וועל איך באַוויינען די קרבנות דײַנע!
שטומער ווייטיק מײַנער, קינדער מײַנע!...

(„פרײַע אַרבעטער־שטימע", ניו־יאָרק, אַפּריל, 1911).

# זאַמלונג פון אָפּגעקליבענע לידער

## „אויף גאָטס וועלט"

די הילע, דאָס ליבע־ליד און אַלע אַנדערע 122 זייטן פון בוך: **„אויף גאָטס וועלט"** זיינען געצייכנט און אילוס־טרירט געוואָרן פונעם קינסטלער **יהודה טאָפּעל**, דער־שינען אין פאַרלאַג **„אַמעריקע"**, ניו־יאָרק, 1919.

## א בערעלע־בו

מיר זיינען געזעסען ביז שפעט אין דער נאַכט
אין דרויסען ביים פענסטער, ווי קינדער פאַרבראַכט.
איך האָב איהרע האָר שטיל געקושט און געגלעט,
און זי האָט געפלאַפּעלט, געשפּאַסט און גערעדט,
און אַלץ מיך געשראָקען:
— איך געה שוין, ס'איז שפּעט. איך געה שוין, ס'איז שפּעט.

איך האָב איהר געקושט, האָט זי אַזוי קאַלט
זיך כלומרשט געמאַכט: „איך האָב דיך ניט האָלד" —
האָט זי זיך צולאַכט, און געציטערט פון גלוסט,
געכאַפּט באַלד מיין קאָפּ און געפּרעסט צו איהר ברוסט,
געברענט מיר מיין אויער: אַך, וואָלסטו געוואוסט
ווי כ'ליב דיך מיין אינגעל, מיין ליבער, מיין גאָלד.

— איך בין — זאָגט זי — מאַמע, און דו ביזט מיין קינד.
נו, לעג־זשע דאָס קעפּיל אויפ'ן שויס מיר געשווינד.
איצט מאך נאָך די שעניגקע אויגעלאך צו.
דו פאָלגסט ניט אַ מאַמען? — דו שלעכטינקער דו!
אַט געהט דאָך אַ בערעלע — בע־רע־לע—בו!
בע־רע־לע—בו!

# אַ רוגז

איך האָב באַשלאָסן מער מיט איר זיך נישט צו טרעפן;
הערט דאָס האַרץ אין מיר נישט אויף פּאַר איר צו וויינען
אומעט קען מען אין די אויגן מיינע ליי׳נען.
אומעט און פאַרדרוס.
אַך, מיין האַרץ און מיינע אויגן זיינען
קעגן מיין באַשלוס.

איך זיץ אַזוי, די פינגער פון די הענט פאַרבראָכן,
און די אויגן מיינע, אומעטיקע, שטומע,
דוכט זיך, רעדן צו די פינגער: אוי, איר דומע
פינגער, וואָס איר זענט!
איר וועט מער שוין קיינמאָל נישט באַרירן
אירע ווייסע הענט.

## בליטן

אוי, די ראָזע, רויטע, ווייסע בליטן
מאַכן שיכור מײַנע אויגן.
ווי אַ שיינער רעגנבויגן
זעט איצט אויס דער גאָרטן.

זע נאָר, קינד מײַנס, ווי עס פֿאַלן
בליטן אויסגעמישט מיט שטראַלן
און ווי טרוימען
בלײַבן מיט אַן אומעט־שמײכל הענגען
אויף די צוימען
ראָזע, רויטע, ווייסע בליטן.

שיכור טרינקען זיך די אויגן מײַנע
אין די כוואַליעס בליט קאָלירן.
רוים און הימל וועלן באַלד זיך אויכ׳עט
אין דעם בליטן־ים פֿאַרלירן.
אוי, די ראָזע, רויטע, ווייסע בליטן
וועלן מיך פֿון זינען פֿירן.

# עס טרעפט אַ טאָג

צי איז אַ מלאך מיר די נאַכט צוקאָפּנס היינט געשטאַנען?
מיט צאַרטע הענט געגלעט מיין שלאָפנדיק געזיכט?
ווי קומט דער שמייכל אויף מיין ליפּ? איך קען זיך נישט דערמאַנען
ווי קומט אין האַרץ צו מיר דאָס יום־טובדיקע ליכט?

איך האָב דערוואַכט, און שפּעט אין בעט געלעגן די אויגן האַלב געשלאָסן,
האַלב וואַך, האַלב טרוים אַ ווייסע חופּה־קלייד געזען,
אַ גאָלדן שטראָם האָט פאַר מיין האַלב געשלאָסן בליק געפלאָסן
און זעלטן ליב און גוט איז מיר געווען.

איצט גיי איך אום פון גאַס צו גאַס. מיר דאַכט, אַז אַלע שפּירן
די זעלבע פרייד, און מאָדנע לויכט אַ יעדנס בליק.
מיר זאָגט דאָס האַרץ: עס וועט וואָס גוטעס זיכער היינט פּאַסירן
און ערגעץ וואַרט פאַר יעדן היינט דאָס לאַנג־געגאַרטע גליק.

# אין אַ טענעמענט־הויז

אומהיימלעך און דושנע, אַ מייזל ווו שאַרכעט.
עס וויגן זיך שאָטנס, עס קאַפּיעט אַ לעמפּעלע ווו,
עס סקריפּעט אַ וויגל — אַ דרימלענדער נגון וויגט צו:
האַ־האַ, האַ־האַ, האַ!
האַ־האַ, האַ־האַ, האַ!

האַלב שלאָפנד די מאַמע ביים וויגל פאַרמאַטערט
פון טעגלעכע אַרבעט פון שווערע, פון שלאָפלאָזע נעכט,
אַ זיפץ און אַ הילפלאָזער מורמל: אוי, קינד ביסטו שלעכט!
האַ־האַ, האַ־האַ, האַ!
האַ־האַ, האַ־האַ, האַ!

אין הילצערנעם בעט שלאָפט דער טאַטע אַ מידער
און וואַרפט זיך אַרומעט פון סקריפּענדן וויגל געוועקט,
עס נאָיעט אין מוח דער נגון און זעגט דאָרט און זעגט:
האַ־האַ, האַ־האַ, האַ!
האַ־האַ, האַ־האַ, האַ!

עס הערט זיך אַ כראָפּען פון ערגעץ אַ חדר,
און עמיצער זיפצט דאָרט אַרויס אַ פאַרשלאָפענעם „אוי" —
און ס'בעט זיך דער נגון און בעט זיך פאַרדראָסיק אַזוי:
האַ־האַ, האַ־האַ, האַ!
האַ־האַ, האַ־האַ, האַ!

## אין שאַפּ

עס האָט אַ מיידל היינט אין שאַפּ ביי אונדז געוויינט.
געזעסן ביי דער אַרבעט, אַזוי פרעמד, פאַרלוירן.
מיטאָג־צייט האָט זי אַ בריוו געליי'נט, געליי'נט.
און אויף דעם בריוו געפאַלן זיינען אירע טרערן.

מיר האָבן אַלע שטיל געאַרבעט — שטיל און בלאַס.
עס האָט דער טאָג זיך אַזוי שווער און לאַנג געצויגן,
און זיינען מיר פאַרנאַכט פון שאַפּ אַרויס אין גאַס,
האָט זיך געדוכט, אַז יעדער האָט פאַרוויינטע אויגן.

## קיינער קען נישט העלפן

קיינער קען נישט אונדזער אומגליק העלפן,
קענען קיינעם נישט קיין דעה זאָגן...
אומעטום נאָך הילף געלאָפן,
אַלע טירן אָפּגעשלאָגן.

קיינער קען נישט אונדזער אומגליק העלפן,
הפקר וועט מען מיט די פּיס אונדז טרעטן;
סיידן, אַז אַ שיינע שאַנסאָנעטקע
וועט פאַר אונדז ווו ביי אַ קעניג בעטן...

## איך בין מיד דיין קינד צו זיין

איך בין שוין קראַנק און מיד דיין קינד צו זיין. איך ווייס
ווי גרויס עס איז מיין זינד און שווער.
איך קען שוין אָבער מער אויף זיך דיין גורל נישט דערטראָגן,
איך קען נישט מער!

איך וויל נישט, אַז די וועלט זאָל אויף מיר טייטלען מיט די פינגער:
אָט גייט דער ייד!
איך בין שוין מיד פון זייער האַס, און אויך פון זייער ליבע
בין איך שוין מיד.

## צ יי ט ן — צ יי ט ן

איך ווייס, מען וועט מיך אין אַ מיטן העלן טאָג באַפאַלן.
עס וועט נישט העלפן מיין געבעט און מיינע טרערן,
און וועל איך רופן הילף, וועט קיינער מיך נישט הערן,
און וועט מען הערן, וועט מען בלייבן שטיין פון ווייטן,
שאָקלען מיט די קעפּ און מורמלען: „צייטן — צייטן״ —

## מיר חלומען

מיר חלומען אַלע אַ חלום אַ וויסטן, אַ בייזן,
מיר קרעכצן ווי קראַנקע פון שלאָף און מיר וויינען און שרייען!
נישטאָ ווער עס זאָל אונדז פון חלום פון בייזן באַפרייען,
נישטאָ ווער עס זאָל אונדז פון אונדזערע שרעקן דערלייזן.

און אפשר וועט עמיצער קומען און וועט אונדז אויפוועקן,
דאַן וועלן מיר קיינער נישט גלויבן די אייגענע אויגן
און לאַכן, ווי קינדער פון חלום, וואָס איז שוין פאַרפלויגן
און וועלן אין פריידן דערציילן די פּיין און די שרעקן.

.1918

## דערפֿאַר, וואָס מיר האָבן דאָס לעבן אַזוי ליב

דערפֿאַר, וואָס מיר האָבן דאָס לעבן אַזוי ליב,
זינגען מיר דאָס געזאַנג פֿון דער פֿולער זאַנג,
דאָס ליד פֿון הייפּטל קרויט און ברויט און ווײַן;
דאָס געזאַנג פֿון צײַט און רוים און גאַנג פֿאַרויס,
דאָס פֿראָפּעלער־ליד פֿון פֿליגל־פֿלי,
דאָס ליד פֿון מי און הימל־בלוי און מאַי.

דערפֿאַר, וואָס מיר האָבן דאָס לעבן אַזוי ליב,
זינגען מיר דאָס געזאַנג פֿון מענטש און טאַט,
דאָס ליד פֿון שוך און קלייד און וועבערײַ;
דאָס ליד פֿון דעם, וואָס טוט און שאַפֿט,
און ווײַל ס'איז ער, וואָס ליידט אין נויט פֿאַרשקלאַפֿט,
וועט ער דער וועלטס באַפֿרײַער זײַן.

דערפֿאַר, וואָס מיר האָבן דאָס לעבן אַזוי ליב,
שטעלן מיר זיך קעגן נויט און שקלאַפֿערײַ;
קעגן יעדן שר פֿון טויט און האַס,
און ווײַל מיר זײַנען קינדער פֿונעם אַלטן פֿאָלק
און אויסגעפּרוווט אין צער און וואָגל־פּײַן,
זינגען מיר דערפֿאַר דאָס געזאַנג פֿון אַ נײַער וועלט.

## דער מאַן דערציילט זיין פרוי וועגן מינכען-נאַכט, ניינצן אַכט-און-דרייסיק

איך ווייס נישט, צי כ׳בין וואַך געווען,
צי איך בין געשלאָפן,
נאָר ס׳האָט זיך מיר געדאַכט,
אַז כ׳האָב אַ גאַנצע נאַכט געהערט אַ יאָמערן
פון לויפנדיקע מחנות יידן...

איך אַליין —
בין ערגעץ אין אַ גרוב געלעגן,
מיט געליימטע הענט און פיס...
עפּעס אַ פּאַרזעעניש
האָט מיט אָנגעגליטער שפּיז
מיר דאָס לייב געברענט
און אַ הויכער מאַן, אין אַ צילינדער,
איז געשטאַנען און געלאַכט...
איך האָב געוואָלט זיך ווערן,
האָב איך נישט געקענט...
איך האָב געמאַטערט זיך צו שרייען,
איז מיין מויל געווען פּאַרמאַכט...
אַזוי, אַ גאַנצע נאַכט, אַ גאַנצע נאַכט...

איך בין געלעגן און געהערט,
ווי עס האָט דער ווינט געפּאַטשט
מיט רעגן אויף די שויבן — — — —

איך געדענק,
מיר האָט אַן אירלענדער אַמאָל געזאָגט:
„אין דרויסן רעגנט קעץ און הינט"...
איך זאָג דיר,
אַז עס האָבן וועלף געוואָיעט
אין רעגן און אין ווינט
און ס'האָט זיך מיר כסדר נאָר געדאַכט,
אַז עס זיינען טויזנטער געלאָפן
און געשריגן: העלף! העלף! העלף!
נאָר ס'האָט קיינער נישט געהאָלפן — —
ווו עס איז אַ טיר געווען נאָך אָפן,
האָט זי זיך פאַרמאַכט...
און ווו עס האָט אַ ליכטל נאָך געברענט,
האָט זיך עס פאַרלאָשן...
און ווער עס האָט זיך יאָ אַ לאָז געטאָן צו העלפן,
האָט מען אים דעם וועג פאַרשטעלט...
אַ וועלט, אַ וועלט!...

# איך זינג פון לעבן

זאָל זינגען, ווער עס וויל, פון טויט, פון שרעק און אומגליק.
און ווער עס מוז, זאָל צווייפלען, פאַרלייקענען, פאַרנייגן.
איך — זינג פון לעבן. מיר איז דאָס לעבן ליב און אייגן
און איך זע איצטער שוין דער צוקונפטס העלן אָנבליק.

זאָל זיפצער קראַצן זיך אַליין מיט גלאָז די ווונדן
און שפּילן זיך מיט ווערטער גלאַנציקע ווי מעסער.
איך — בין פון יענע, וואָס ווילן ס׳לעבן מאַכן בעסער,
איך בין דורך לייד און פרייד צום לעבן צוגעבונדן.

ס׳איז שלעכט — איך ווייס, מען דאַרף פאַריכטן, איבערבויען,
איך ווייס פון אונדזער נויט און פּיין און ווער ס׳איז שולדיק
ווי אַ בריוונטרעגער וועל איך אומגיין שטיל, געדולדיק
און ברענגען אויפקלער־וואָרט צו יעדנס טיר און טויער.

## אַ נעגער־ייִנגל זינגט אַ ליד

(לויט לענגסטאָן היוז)

אין שטרייפן דער אָנצוג,
לאַקירט די שיך
און ברויט אַ שטיק.
געמאַכטע פרייד
און חוזק־גאַנג.
אַ טאַנץ, אַ „דזשיג"
און צוגעקלאַפּט
מיט דעם אָפּצאַס. —
אַזוי פאַרשריי איך
און פאַרלאַך
מיין וויי, מיין „בליוז"
מיט געלעכטער פון פּאַיאַץ.

וווהין זאָל איך אַנטלויפן ?
וווהין זאָל איך אַוועק
פון זייער ווייסער וועלט,
פון מיינע שוואַרצע טעג ?
דורות־לאַנג שוין
טאַנץ איך אויס

דעם טאַנץ פון בייטשן־פייף
און שטריק־געדריי,
דעם טאַנץ פון „בלויען״ ווײ.
איך לויף פאָרויס
דעם לינטש־פּאַראַד —
אַ שוואַרצער האָז
פון ווייסע הינט געיאָגט
אין יאַגד־געיעג.
— אַלע מיינע יאָרן,
אַלע מיינע טעג,
זינט איך האָב דערקענט
דעם ווייסן האַר,
לויערט אויף מיר אומגליק,
לויערט מיט געפאַר, —
בין איך פלייש נאָר צום פאַרקויף
און כסדר לויף
אין שאַנד־פּאַראַד.

מיין לייב און מיין בלוט —
אַן ענדלאָזער סליאַד
פון אַפריקע־דזשונגל
ביז זאַמדיקן סטעפּ;
מיך מיט אייזנס געברענט,
מיך אין קייטן געשלעפּט.

פון ביינוול־פעלד ביז קוילן־שאַכט —
דעם רוקן געבויגן,
געטריבן פון האַס,
שלעפּ איך לאַסט פאַר ווייסן האַר
צום טאַקט פון קלעפּ.
חוזק — מיין לוין
און הפקר — מיין לייב;
אין רגעס פון רו

איז קאָרטן־שפּיל און קרעפּ
מיין צייט־פּאַרטרייב, מיין שפּיל.

וואָס־זשע זאָל איך טאָן,
וור־זשע זאָל איך גיין,
כ׳זאָל נישט זיין אַזוי פאַרהאַסט,
כ׳זאָל נישט זיין אַזוי פאַרלאַכט —
אַזוי מוראדיק אַליין?
ווי פאַרכישופט אין אַ קרייז:
שוואַרצער, צאַפּלדיקער פּיין,
אין אַ וועלט פון רשעותדיקן ווייס.

איך האָב אומזיסט געוואַרט,
איך האָב אומזיסט געהאָפט
אויף יענע רייכע לייט,
זיי האָבן זיך געריי‌צט
און פון האַר צו האַר,
ווידער מיך פאַרקויפט.
איך האָב געמיינט,
עס וועט נישט קומען גאָר קיין סוף,
עס וועט נישט קומען צו קיין ברעג,
ביז איך האָב אַמאָל דערהערט
אַזאַ גליענדיק געזאַנג.
אונטער מיינע טריט
געציטערט האָט די ערד.
עס האָט מיין הויט פון פרייד געברענט,
ווען כ׳האָב צום ערשטן מאָל
געהערט די רייד
פון יענעם וויסן מאַן
מיט מאַזאָליעדיקע הענט.

איך האָב דערקענט אין זיינע רייד,
איך האָב דערפילט אין זיך אַליין —

עס איז נישטאָ קיין אונטערשייד
צווישן מיר און אים;
דאָרטן זיינען מיר געשטאַנען
טויזנטער צוזאַמען — ווייס און שוואַרץ.
איך האָב דערפילט —
מיין הויט איז זון
און וואָס איז פּיין?
און וואָס איז טויט?
עס גליט דאָס ליד
ביי מיר אין בלוט,
עס גליט דער רוף:
„ברידער מיינע, וואַכט שוין אויף —
שוואַרץ און ווייס,
שוואַרץ און ווייס,
שוואַרץ און ווייס".

## מיר — די מיליאָנען

אונדזערע שונאים,
זיי האָבן די מאַכט,
און זיי האָבן מיליאָנען.
און מיר —
די מיליאָנען, וואָס האָבן דערוואַכט,
האָבן הענט צום אַרבעטן
און אַ וואָרט אַזאַ,
וואָס ברענט אין אונדזער בלוט
און איז מעכטיקער פון גאָלד —
רעוואָלט!

די רייכע, די לאָרדן,
זיי רויבן אונדזער גוטס

און מאָרדן אונדז פריי —
ס'איז אונדזער בלוט, וואָס טריפט
פון זייערע פעטע פינגער.
נאָר מיר —
מיר וויינען נישט און נישט מיר טרויערן.
עס קלינגט שוין אונדזער ליד
אין די אויערן פון די רייכע.
עס קאָכט, עס זידט
ווי אין קעסלען דער דאַמף —
קאַמף.

אומגערעכט און שלעכט
איז אונדזער האַר,
רויב איז זיין גאַר
און מאָרד איז זיין לוסט.
דערפאַר ברענגט ער אַליין
זיין שטראָף אויף זיך,
זיין אונטערגאַנג — זיין סוף.

און מיר, די מאַנער,
מיר גרייפן אָן.
אונדזער פאָן — גערעכטיקייט!
אונדזער וואָפן —
הענט, וואָס מיען זיך,
וואָס שאַפן
די בריק צום לעבן;
הענט, וואָס גיבן דער וועלט,
מיט ליבע און טרייהייט —
פרייהייט.

## מיין חלק אייביקייט אין לעבן

דער האַר — דער שונא הערשט
און איך בין נישט אין גוטער צייט
געקומען אויף דער ערד, —
ווייל פירן פירט זיך דאָ אַזוי:
אַז אַלץ איז איינגעטיילט אין האַר און קנעכט,
הפקר איז דער מענטש,
זיין לעבן ווערט פאַרשוועכט
און דער, וואָס גייט נישט אינעם טראָט
פון האַר און נוגש,
ווערט אַליין באַצוואונגען
אין דעם גורל פון די קנעכט.

איך בין אַהער געקומען אין אַ צייט
פון געצנדינעריי;
אויף יעדן ראָג אַן אַנדער געץ
און איבער אַלץ
האָט אויסגעשפרייט אַ נעץ פון בלינדן גייץ,
דער קאַלב —
דער גאָט פון גאָלד.
דאָס כוהנטום פאַרבלענדט די אויגן פונעם פאָלק, —
ברוטאַל און ווילד ווערט אָנגעפירט דער טאַנץ
אַרום דעם קאַלב
און ווער עס טאַנצט נישט מיט,
צעטראָטן ווערט

און קיינמאָל וועט שוין דער
נישט אויפשטיין פון דער ערד.

נישט געוועזן באַדאַרפט אַזוי זיך איילן
קומען ווינען אויף דער ערד, —
בין איך אָבער יאָ געקומען —
האָב איך דאָ מיין חלק אייביקייט אין לעבן...
וויל איך דאָ מיין גלייכן טייל
פון וועלטס פאַרמעגן;
מיין חלק ערד און הימלס בלוי
און זון און טוי און רעגן;
אַלע אוצרות, אַלע גליקן פון דער ערד, —
פון אַלץ, פאַר אַלעמען דעם פולן ווערט
און רעכט צו גיין דאָ אומגעשטערט,
איבער אַלע וועגן.

ווער איז עס ד ע ר, וואָס רופט זיך האַר
אַז זיין איז ער דער שונא פונעם לעבן!
ווו איז ער עס דער נאַר, וואָס גלויבט,
אַז האַר איז הייליק
און יעדנס מי באַלאַנגען דאַרף צו איינעם.
אָ, ניין, עס וועט אַזוי נישט זיין!
איך גיב דאָ קיינעם נישט קיין רעכט אויף זיך
און אויף מיין לעבן — קיינעם!
איך וויל פון אַלץ מיט אַלעמען, אַ גלייכן חלק.
איך וועל גיין און רעדן צו די שכנים
און וואָס מען קאָן נישט טאָן אַליין,
דאָס וועט מען טאָן אינאיינעם...

## ווי ווינטן פאַר אַ שטורעם

דו שווייגסט.
דער ים שווייגט אויך אַמאָל אַזוי,
ווען זיין אומרו שלאָפט פאַרוויגט
אין זיין סאַמעט־ווייכן גרין און בלוי —
דיינע אויגן זיינען אויך אַזוי —
סאַמעט־ווייכער גרין און בלוי...

איך זיץ ביי דיינע פיס,
איך הער זיך איין אין אומרו פון דיין שווייגן
אומרו ווילד־געצאַמטער
האָט זיך ווי פאַרטייעט אין דיין שווייגן,
לייבן אין די שטייגן
שפּאַנען האַסטיק אום און שווייגן אויך אַזוי...

דו האָסט זיך איבער מיר אַ שטילע אָנגעבויגן
און האָסט דיין קאָפּ אויף מיינעם אָנגעלענט.
איך זיץ אַזוי מיט צוגעמאַכטע אויגן
און פאַרנעם —
ווי עפּעס רייסט זיך אויף דער פריי
פון צאַם און קלעם
און עפּעס ברומט אין מיר, אין דיר,
ווי ווינטן פאַר אַ שטורעם...

# איך זע דאָס לאַנד פון לעבן

— זינגער פון דער פערזענלעכקייט, צייכן איך אָן
וואָס עס וועט ערשט זיין,
פּראָיעקטיר איך די געשיכטע פון דער צוקונפט —
(וואָלט וויטמאַן)

(פ ר אַ ג מ ע נ ט)

טעג און יאָרן גייען, וואַסערן זיך בייטן,
העלער אַלץ און העלער, העכער נאָך און שענער —
וועלן גרייכן לעבנס נייע וווּנדער־טענער
פון דעם לאַנד פון לעבן ביז די ווייטע ווייטן.

איבער שטעט און דערפער ביזן ווייטסטן האָפן,
אין די פעלדער, וועלדער, איבער אַלע וועגן
ברויזט און רוישט מיט אויפטו ביז די ווייטסטע ברעגן —
וואָס ס'איז נישט געווען נאָך, ווערט דאָרט איצט באַשאַפן

רייסן זיך צום לעבן פון דער ערד די פלאַנצן,
אַלץ און אַלע, טיפן לעבנס־זין באַגרייפן.
איין זאַך ווערט געבוירן, צווייטע האַלט אין רייפן,
אַלע, אַלץ צוזאַמען שליסט זיך אין איין גאַנצן.

וואָס באַשאַפן ווערט, איז לעבן די כוונה.
פען האָט ליב צו שרייבן, שער האָט ליב צו שערן.
פון דעם שווערסטן האַמער ביז דער דינסטער סטרונע
זיינען ביי זיך וויכטיק, ווי די זון און שטערן.

יעדער טוט זיין אַרבעט, שאַפט און איז פאַרנומען.
שפּילן פלייט און פידל, האַרפן און קלאַרנעטן,

דאַכט זיך, אַז זיי רופן, לאַדן איין און בעטן:
אַלץ, וואָס דאַרף ערשט ווערן, זאָל צום לעבן קומען.

* * *

האָט זיך עס צעקלונגען איבער וועלט דער ברייטער —
פרייד און גליק דערהערט זיך, פריד און גליק צעשפרייט זיך,
ווער ס'איז רייך, דערשרעקט זיך, אָרעמער דערפרייט זיך.
שעלט מיט גאַל דער ערשטער, בענטשט און האָפט דער צווייטער.

אין אַ וועלט, צעטיילט אויף שוואַרצע, געלע, ווייסע,
מענטשן, צוגעוווינט צו לאָזן זיך באַרויבן,
שווער איז זיי אין לעבנס־גליק און פרייד צו גלויבן —
איינער זאָגט: „אַ וווּנדער״, צווייטער זאָגט: „אַ מעשה״.

מעשה, צי אַ וווּנדער, עפּעס האָט געטראָפן.
אין דעם יאָך דעם שווערן, מענטשן זיך פאַרקלערן, —
מוטיק דער באַרויבטער הייבט זיך אָן צו ווערן,
דער, וואָס ליגט צעטראָטן, האָט אויף וואָס צו האָפן.

ווער עס גייט אין לעבן מיטן קאָפּ געבויגן,
ווער אַ נישט־געלעבטער גייט שוין באַרג אַרונטער,
גלייכט ער אויס דעם רוקן, הייבט דעם קאָפּ אויף מונטער;
צו דעם לאַנד פון לעבן, ווענדט ער זיינע אויגן.

שלעכטע זאָגן: „נישט געשטויגן, נישט געפלויגן״
און די לאַנג־געגנאַרטע, צווייפלען נאָך און פרעגן,
ס'איז זיי שווער צו גלויבן, אַז פון זייערט וועגן
שפּילט דאָרט טויזנט־פאַרביק פרידנס־רעגנבויגן.

(פון דער פּאָעמע: „דאָס לעבן, וואָס לעבט אייביק״).

# סאַן־פראַנציסקאָ

.1

סאַן־פראַנציסקאָ!
דו טראָגסט דעם נאָמען דײַנעם,
דעם נאָמען פון אַ הייליקן,
ווי עס טראָגט דאָס היטל אויף אַ זײַט,
פאַרשײַט און חנעוודיק
אַ יונגלינג אַ מאַטראָס.
די גאַסן דײַנע קלעטערן
כסדר באַרג אַרויף
און דײַנע בריקן פלאַטערן
ווי אויסגעשפּרייטע פליגל פון אַן אַלבאַטראָס.

דו, ריזן־קינד פון ים און בערג,
פון זון און ווינט;
דו שטייגסט אַלץ העכער און דו גייסט
מיט דײַנע צווילינג־בערג
אין אַ פאַרמעסט.
דיר פּאַסט דײַן אַרבעט־קלייד,
און טויזנט חנען גיט דיר צו
דאָס גאָלד און גרין פון „גאָלדן געיט",
און זעסט כסדר אויס, ווי וואָלסט געוואַרט
אויף אָנגעלייגטע געסט.

.2

עס האָבן קינסטלער־הענט פון ריזן מעכטיקע,
ניי און אַנדערשדיק,
די גאַסן דיינע אויסגעבויגן —
אַרויף, אַראָפּ, אַ באַרג, אַ טאָל, —
אַז ווו איך ווענד די אויגן מיינע
און ווו איך שטעל מיין טראָט,
זע איך דיך, מיר דאַכט, צום ערשטן מאָל.

עס איז מיר ליב אין דיינע גאַסן
אויף־און־אָפּ צו שפּאַנען
און באַגריסן יעדן,
ווי מען גריסט זיך צו גאָר אַלטע, גוטע שכנים.
פון דערווייטנס זעען דיינע הייזער אויס,
ווי מיט אויסגעשפּרייטע פליגלען, ווייסע שוואַנען;
דאַכט זיך,
אַז אין איינער פון די ווייסע היימען
איז אַמאָל מיין קינדער־וויג געשטאַנען.

## דאָס לעבן דערציילט מיר אַ מעשה

דאָס לעבן דערציילט מיר אַ מעשה
פון תוהו־ובוהו, פון גאָט און באַשאַף,
דאָס לעבן דערציילט מיר אַ מעשה —
איך הער און איך גלויב און איך גאַף.

דאָס לעבן דערציילט מיר אַ מעשה
פון ליבע, פון זינד און פון שטראָף.
אַמאָל גאָר דערציילט מיר דאָס לעבן
אַ מעשה, וואָס האָט נישט קיין סוף.

דאַן גיי איך אַרום אַ פאַרבענקטער,
עס מיידט מיך די רו און דער שלאָף —
באַשאַף איך אַליין צו דער מעשה
אַ גוטן, אַ גליקלעכן סוף...

דאָס לעבן דערציילט מיר אַ מעשה;
עס וועבט מיך, און שפּינט מיך אַריין,
און כ׳וועל אויך אַ טייל פון דער מעשה,
און כ׳וועל שוין אויף אייביק דאָרט זיין.

איך בין אויך דעם לעבנס אַ מעשה,
פאַרוועבט אין דעם לעבנס באַשאַף, —
איך הער, ווי דאָס לעבן דערציילט מיר —
איך הער און איך גלויב און איך גאַף.

## לובלין *)

אָן געשרייען, אָן געוויין.
וואָס איז קללה? וואָס איז טרער?
ווען עס טליעט נאָך אין זשאַר
מענטשנס פיס און הענט,
מענטשנס גליד און ביין —
ביין, נישט שעלטן און נישט וויינען,
ביין!
זאָלן אויגן קוקן שטאַר,
און די ליפּן,
שטילער פון דעם שטילסטן פרילינג־ווינטל,
איבער גראָזן, טויאיק גרין,
זאָלן תפילה טאָן אין צער —
לובלין!

ווהין, אוי, ווהין
זאָלן מיר די אויגן ווענדן,
נישט צו זען כסדר נאָר:
די לעבעדיק־באַגראָבענע,

*) מוזיק פאַר כאָר און אָרקעסטער צו דער פּאָעמע „לובלין" האָט געשאַפן דער קאָמפּאָזיטאָר נחום סאַמאַראָוו.

דאָס אַש פון מיליאָנען
און פון טייוולס הענט, די בלוטיקע,
אַ מאָנומענט —
אַ באַרג מיט שיך,
און אים —
דעם נאַצי־וואָרעם, דעם פאַרשאָלטענעם,
וואָס קריכט און קריכט און קריכט
אַרום דעם באַרג
פון לעבעדיקע שיך.

קום אַרויס אין פעלד און זע,
ווי שפעדיק ס'איז אויפגעגאַנגען
דער פאַרזיי פון שד.
אין פעלד פון ברויט און בוריקעס און קרויט —
אַ גערעטעניש אויף שאַרבן און סקעלעט;
אַ וויסט גערעטעניש אויף טויט.
הערט,
ווי עס קרעכצט די ערד
צעפייניקט און געשענדט,
און וואונדיק־טיף האָט אויסגעברענט דער שד
און אויסגעקריצט
דעם טמא־נאָמען זיינעם —
פריץ.

ווער האָט עס דאָרט געטאָן אַ זיפץ?
ווער האָט עס דאָרט געטאָן אַ כליפּ?
זאָל שטילער זיין! שטיל!
שטאָל אָן דאָס האַרץ, פאַרבייס די ליפּ,
און מאָן און מאָן און מאָן!
און נישט פאַרגיב און נישט פאַרגעס
מאָן אויג פאַר אויג, מאָן צאָן פאַר צאָן;
מאָן צען מאָל צען פאַר יעדן גליד פון יעדן מת!

ס'איז מאָנער־צייט!
און שטעכט אין האַרץ דער ווײ — אַ שאַרפּער דאָרן
און הערט דער צער נישט אויף צו נאָגן, —
וויינען — נישט!
זאָל טרער און טרויער
ווערן אָפּגעווישט פון יעדנס פּנים,
עס האָט די שעה פון רעכענונג געשלאָגן!
פון יושרדיקן צאָרן
איז די לופט צעגליט.
אָ, הערט נאָר, הערט, ווי עס טראָגן זיך די מאָנער,
הערט דעם דונער פון מיליאָנענדיקע טריט!

ס'איז מאָנער־צייט!
ס'איז די צייט פון נס!
די האַנט די שטאַרקע, די גערעכטע,
ציילט און וועגט און מעסט
און צאָלט פאַר יעדנס קרעכץ
און משפּט שטרענג
און שטראָפט,
און קיינעם ווערט געשענקט,
און ווי מיט מבול־שטראָם
ווערט אָפּגעשווענקט דאָס שלעכטס.

אָ, זע, לובלין!
עס גייט אויף איבער דיר
אין פיל־מיליאָנענדיקן פאַרבן־שפּיל —
אַ רעגנבויגן.
אַ נייער טרויער, אַ באַדויער,
וויברירט און שפּילט אין די קאָלירן!
דער גאַנצער הימל וועט זיך באַלד פאַרלירן
אין אַ ים פון שנעל זיך טוישנדיקע פאַרבן
און אַלץ וועט זיין פאַרהילט
אין רעגנבויגן — —

פּאַסמעס פיל־קאָלירנדיקער בלענד,
שפּרייט זיך צאַרט און אומעטיק
אויף פנימער און הענט;
פאַרבן־טענער שפּילן שטיל און ווייך
אַזאַ חרטהדיק געוויין
אויף דעם, וואָס איז פאַרלוירן,
און ברויזן פריידיק אויף
אין צוזאָג און דערמאָנונג
אויף אָנהויב ניי,
וואָס ווערט געבוירן...

וואָס איז עס פאַר אַ ניי געזאַנג,
וואָס זינגט אין לופט
און דרינגט אין האַרץ
פון יעדן לעבעדיקן מין —
אָ, לובלין!

# דיינע שונאים

דיינע שונאים, פאָלק מיינס, דיינע בייזע שונאים,
זיינען אויך די פרייהייט־שונאים פון דער וועלט;
און דער, וואָס האַסט און שעלט דעם טרוים פון פרייהייט,
דער האַסט דיך אויך, מיין פאָלק, דער בילט און שעלט.

דער שונא אונדזערער איז ווילד און גרויזאַם, ער טונקט אין גיפט
די שווערד, וואָס ברענגט אונדז אום.
דאָך אייביק שטאַרק און מילד איז האַנט פון פרייהייט,
וואָס נעמט אונדז צאַרט און טרייסטנדיק אַרום.

דו האָסט, ווי יעדער פאָלק, אויך אייגענע פאַררעטער,
וואָס ווילן שפּאַלטן און צעברעקלען אונדזער קראַפט.
זיי בייסן, ווי מיט שלאַנגען־גיפט, די הענט פון אונדזערע רעטער
און זיי פאַרשווערכן דיין מאַרטירערשאַפט.

נאָר זיי, וואָס שעלטן, זיינען דאָך אַליין פאַרשאָלטן. —
זייער קללה גייט זיי נאָך אין גרוב אַריין.
און דו, מיין פאָלק, ביסט ווי די פרייהייט — אייביק
און ווי פרייהייט וועסטו אייביק זיין.

## אונדזער גרויסער ברודער

אונדזער שונא וועט באַצאָלן, אוי, וועט ער באַצאָלן טייער!
אונדזער גרויסער ברודער וועט אים פון דער וועלט פאַריאָגן.
ברודער גרויסער, שטאַרקער און געטרייער,
זאָלן דיינע שטאַרקע הענט אים טויט דערשלאָגן.

אונדזער בלוט אויף אַלע וועגן. אונדזער וויי — אַ זיפץ־געוויטער.
אונדזער לייב האָט ער צעוואָרפן איבער מיסט און פלויטן.
זיי אַ טרייסט אונדז, דו געטרייער היטער,
שלאָג אים גרויזאַם, טויט אים טויזנט טויטן.

טויזנט־קעפיק איז דער מאָנסטער, טויזנט הענט האָט ער, ווי שלאַנגען,
יעדע שלאַנג האָט טויזנט צינגלעך אונדזער בלוט צו זויגן.
רייס זיין לייב מיט אָנגעגליטע צוואַנגען,
ווי ער האָט פון אונדז די אָדערן געצויגן.

טראָג זיך שאַלנדיקער רוף, איבער בערג און ימען!
זאָל מען אין די ווייטע ווייטן אונדז דערהערן!
קומט, אָ, קומט דעם רוף אַנטקעגן, קומט צוזאַמען,
טויט דעם שונא! — וועט איצט אונדזער שבועה ווערן.

יעדנס הילף איז נייטיק. טייער זיינען שעהן, טעג, מעת־לעתן.
„גיב דיין האַנט מיר, ברודער" — זאָל איין ייד צום צווייטן זאָגן.
וואָס געוועזן ביז איצט זאָל זיין פאַרגעסן,
קום דעם ברודער העלפן אונדזער שונא שלאָגן!

נישט פאַר שרעק און זיפצן איצט די צייט איז, נאָר פאַר מוט און גלויבן.
אונדזער האַס צום שונא לאָמיר ווי אַ פאַנצער טראָגן.
פעסט דער טראָט און הויך דעם קאָפּ געהויבן
וועלן מיר צוזאַמען אים צום טויט דערשלאָגן.

ניו־יאָרק, יולי, 1941.

## לשנה טובה־טויבן

טויבן אויף לשנה טובהס — איך געדענק זיי,
ווייסע טויבן מײַנע, גלויבן פֿון מײַן קינדהייט.
רעגנבויגן פֿילקאָלירנדיק;
טויבן ווייסע, פֿרידן, פֿרייד און גליק —
מײַן לשנה טובה.

לשנה טובה־טויבן, שלום־טויבן.
אַלע גוטע מענטשן זײַנען מײַנע קרובים.
פֿליט־זשע, פֿליט, שלוחים מײַנע, שנעל,
ברענגט צו יעדן גוטן מענטשנס שוועל
מײַן לשנה טובה.

לעבט אין פֿרידן ייִד מיט ייִדן, און נישט־ייִדן, —
הערשער האָט גענוג געצונדן שנאה־פֿײַער
און פֿאַרפֿלייצט די וועלט מיט האַס און שרעק —
האָט זיך רעגנבויגן איצט אַנטפּלעקט
אין דעם ערב ניי־יאָר.

ערב ניי־יאָר, ערב פֿריי־יאָר, ערב־פֿרידן;
ערב נײַע צײַט פֿון צוטרוי און פֿון גלויבן. —
פֿליט־זשע טויבן, מײַנע ווייסע פֿליער.
ברענגען זאָלט איר אויך צום צווייפֿלערס טיר
מײַן לשנה טובה.

## צוויי יידן

(אויף אַ וואָקזאַל אין פראַנקרייך)

עס האָט זיי דער צופאַל געבראַכט דאָ צוזאַמען —
צוויי יידן.
איז איינער אַ היגער, פון טוניס דער צווייטער.
עס האָבן צעטיילט זיי פיל לענדער און ימען,
דורך טויזנטער יאָרן פאַרפרעמדטע, צעשיידטע —
צוויי יידן.

געשטאַנען פאַרחידושט, אָן לשון, ווי שטומע —
צוויי יידן.
קומט איינער פון טוניס, באַרויבט און פאַרטריבן,
דער צווייטער — פאַר צען יאָר פון אוישוויץ געקומען
אַזוי ווי דורך ניסים, כאָטש לעבן געבליבן —
צוויי יידן.

אַ רגע, אַ בליק נאָר, אַ וואָרט — און פאַרבונדן —
צוויי יידן.
איז איינער אַ היגער, פון טוניס דער צווייטער.
אַ וואָרט נאָר: „שאַלאָם" — איז די פרעמדקייט פאַרשוווּנדן;
אַ שטאָלץ און אַ ווייטיק, און בליקן דערפרייטע —
צוויי יידן.

עס ברויזן געפילן, די פנימער ריידן —
צוויי יידן.
דער טרויער דער זעלבער אויף פנימער לייענט זיך.
אַ זיפץ און אַ שמייכל. מען דאַרף זיך שוין שיידן, —
אַ פאַל אין די אָרעמס, און ס'האָבן צעוויינט זיך —
צוויי יידן.

## י י ד י ש

(פאָעמע)

די מאַמע האָט געבאַקן ברויט פאַרן הויזגעזינד
און קוילעטשן אויף שבת.
נאָך ערב־שבתדיקן קידוש
האָט דער טאַטע ווי פאַרחידושט
באַטראַכט די חלות, פיש און כריין
און ווי צו זיך אַליין
אַ זאָג געטאָן: „הר־וואַ, אַ טיש,
קיין עין־הרע גאָר בגידיש!"
האָט דער מאַמעס מידע פנים זיך פאַררויטלט
און געשיקט האָט זי אַ לויב, אַ דאַנק
זיין „ליבן־נאָמען",
אין איר פרומען, מאַמעדיקן יידיש.

„צאינה־וראינה", אין שבת באַטאָגן,
די מאַמע אינמיטן — מיר, קינדער, אַרום איר.
צעשטראַלט און צעלויכטן איר פנים דער פרומער.
דאָס קול אירס, דאָס שטילע, עס האָט זיך געביטן
אויף זינג־זאָנג און „זאָגן",
האַלב לייענען, האַלב וויינען — אַ תפילה.
מיר שלינגען די טרערן און הערן:
יוסף הצדיק דערקענט זיינע ברידער. —
ס'איז משה רבינו געקומען זיך קלאָגן,
אַז ער איז געצוואונגען מיטן לעבן זיך שיידן — —

אָט זיצט שוין יהושע און לערנט מיט יידן די תורה
און משה רבינו שטייט אָן אַ זייט, אַ פאַרשעמטער — —
מיר זיצן און הערן מיט הערצער פאַרקלעמטע,
מיר הערן און גאַפן:
די „הייליקע אבות״,
וואָס רעדן אין חומש „בלשון הקודש״ —
צו מאַמען דאָך רעדן זיי — יידיש...

יידיש!
מאַמעס שבת־יום־טובדיקע פרייד,
איר שטאָלץ און דערהויבונג.
די צונג פון פראַצע־מענטש;
די מוסקולדיקע, קערנדיקע רייד פון משא־טרעגער, —
ער שלעפּט דעם פּאַק, ס'איז שווער,
אַן אָרעמער דער לוין —
טוט ער אַ וואָרף די לאַסט מיט האַס
און שיקט אַ קללה, ווו מען דאַרף
אין יידיש...

עס רעדט די מי, וואָס אַרבעט שעהן־לאַנג און שווער.
די נאָדל שטעפּט און רעדט ביז שפּעטער נאַכט;
עס רעדט די שער.
דעם שוסטערס אָל, אין לעדער שטעכט,
דער שינדלער לאַטעט אויס די לעכער אינעם דאַך;
דער בלעכער האַמערט כלים אויס פון בלעך.
אָט שטייט אַ ייד — דער שמיד,
ער שטאָלט פון אייזן, רויט צעגליט,
דעם שטעטלס ליד פון האָפענונג און קראַפט.
מאָדיסטקעס און געזעלן זינגען לידער
פון דער „רויטער פאָן״ און „שוועסטער און ברידער״;
דער מלמד לערנט מיט די קינדער חומש
און טייטשט אויף יידיש.
דער בעל־עגלה, אויף דער קעלניע פון דער בויד,

פייפט אויס אַ יידיש ליד
און פאַרענדיקט מיטן קנאַל פון בייטש, —
און ביים גביר אין הויז,
ווו אַלע רעדן נאָר „פראַנצויז",
צו דער דינסט, דער „מויד" —
רעדט מען יידיש...

יידיש —
דורך הונדערטער דורות פון וואָגל און וואַנדער
פון איין לאַנד אין אַנדערן,
פון ווייכסל ביזקל ירדן,
ביזן קעסלגאָרדן פון דער „נייער וועלט" —
געזונגען אין שוויס־שאַפּ, ביים רויש פון מאַשינען:
„נישט זוך מיך דאָרט, ווו מירטן גרינען".
אין שטרייק אויף פּיקעט־ליין
און ערשטן מאַי־פּאַראַדן;
פון פאָנען און פּלאַקאַטן
און קאָלירנדיקע בענדער —
אין יידיש גערופן:
„אַרבעטער פון אַלע לענדער
פאַראייניקט אייך!"

יידיש — אונדזער גרויס וווּנדער!
אויף זאַפטן פון לעבן פון ערלעכן, פּראָסטן
גענערט זיך.
קעגן שנאה — אייגענער און פרעמדער,
קעגן שפּאָט און פאַראַכטונג — געוועדט זיך.
מיט יחוסדיקע שפּראַכן זיך פאַרמאָסטן.
דורך גאַז־אויוון פלאַמען
דעם פרווו אויסגעהאַלטן;
מיט ברכות צו בענטשן דעם מענטשן,
מיט קללות פאַר יענעם, וואָס דאַרף זיין פאַרשאָלטן.
מיט רייכע ירושות פון עבר,

פון העלד און דעם גאון —
ירושות פון יענע, וואָס שאַפן, וואָס טוען
און רופן צום לעבן;
ירושות בר־כוכבא, ביז צייט פון הירש לעקערט,
פון הירש לעקערט ביז הירש גליק, —
פון דורות און דורות צוריק
ביזן איצטיקן דור
פון ערלעכע שאַפער און מוטיקע קעמפער
אין כאָר מיט די פעלקער.
אונדזער געזאַנג, אונדזער גאַנג,
אונדזערע מוטיקע טריט,
אונדזער ליד —
ייִדיש!

# שלום־עליכם

(צו זיין הונדערטסטן געבוירנטאָג)

אויפגעגאַנגען איז דיין נאָמען
איבער היימען יידישע, פּאַראומערטע און טריבע.
ס'האָבן טאַטע־פּנימער פאַרכמורעטע
זיך חדווהדיק צעשטראַלט,
ווען מ'האָט אַריינגעבליקט, מיט חידוש און מיט ליבע,
אין דעם „יוד" — אַ וואָכנבלאַט אין יידיש, —
פריער שמייכלענדיק, פאַרטראַכט
און פּלוצים זיך צעלאַכט;
געלייענט מיט לייכט געמיט, געלייענט, געלאַכט,
געלאַכט... געלאַכט... געלאַכט ביז טרערן.
דעם נס האָסטו אין הויז אין יידישן אַריינגעבראַכט —
ס'האָבן מאַמעס לאַכנדיק געוויינט פון פרייד:
אוי, זעט נאָר קינדער, זעט נאָר, ווי דער טאַטע לאַכט!

עס קרייזט אַרום דער ערד דיין נאָמען.
ווו אַ ייד איז נאָר אין וואַנדער־וועג געבליבן רוען,
ברענגסטו אים פון אוצר פאָלקישן אַ שטראַל
אַ לויטערן פון קוואַל,
וואָס האָט צעעפנט זיך פאַר דיר, דעם ליבלינג־זון, דעם גאון.

האָסטו דיינע זעעוודיקע אויגן
אויפגעהויבן, —
האָבן זיך געגומען אין דער לופטן דרייען
ווערטער — סטייעס טויבן
איבער יידישע געצעלטן;
אויסגעשפרייט די פליגל, זיך צעפלויגן
און צוריקגעקומען זוניקע, צעהעלטע.

פול דער רוים מיט טרוים פון וואָרקענדיקע טויבן,
פול די לופט מיט פרייד און טרויער,
זאָרג און האָפן.
הימל־בלויער גלויבן שפרייט זיך.
פון די ווייטן, פון די הייכן גרייכן צו זיין אויער
ווערטער, איינציקווייזע, ווייכע, שטילע, קוים זיך הערן
און אָט ווערן זיי שוין לויטערער און הייסער —
זון־צעגליט: ייד — ייד — ייד — יידיש,
יידיש — פאָלק, יידיש פאָלק און יידיש לשון — — — —

האָט זיך איבער יידיש־וועלט צעקלונגען:
פרייד און פרידן, — שלום־עליכם יידן!

# דער לאָקאָמאָטיוון-הייצער

(צום הונדערטסטן געבוירנטאָג פון יודזשין וויקטאָר דעבס)

ביי די ברעגן פון דעם וואַבאַש,
אין דעם שטעטל טערע־האָט —
דאָרט געשטאַנען איז זיין וויגל.
טאַטע־מאַמע, די באַגליקטע,
האָבן, ביים געבוירן, אים געגעבן
נעמען צוויי, ווי פליגל.
ביידע נעמען, וועלטס באַליבטע זין:
הוגאָס ערשטן נאָמען וויקטאָר,
און פון סי — יודזשין *) —
האָבן אַלע גוטע מענטשן אים גערופן
פשוט — „דזשין".

וויפל ליבע, וויפל גוטסקייט
ר'האָט געגעבן טאַטע־מאַמע,
און צו יעדן איינעם פון די שכנים,
איז אים צוגעקומען מער און מערער
ליבע, כוח און באַוווסטזיין.
שטראָמט עס דורך זיין האַרצן, הענט און פינגער,
ווי אַ פליסיק פייער ברענט און יאָגט אים:
מענטשן פירן אַ געראַנגל מיט די שונאים,
שונאים ערגערע פון וועלף —
ברענג צו זיי באַוווסטזיין און דיין ליבע, —
גיי און העלף!
פון די טערע־האָטער בלאָטעס

---

*) יודזשין (עיזשען) סי, פראַנצויזישער שרייבער, פאַרפאַסער פון די צוויי באַרימטע ראָמאַנען: „מיסטעריעס פון פאַריז" און „דער אייבי־קער וואַנדערער" (1804 — 1857).

דעבס עלטערן, פראַנצויזן, פאַרערער פון וויקטאָר הוגאָ און עיזשען סי, האָבן זייער זון גערופן: יודזשין וויקטאָר דעבס.

האָט דאָס יינגל דזשין גענומען שפּאַנען,
ווי אַ פייער פונעם ווינט געטראָגן.
איבער פּראַכט־וואַגאָנען, רעלסן, באַנען,
איבער שטעגן, זייטיקע, געדרייטע;
פון די שטיבלעך אָרעמע אין טאָלן,
איינגעפּרווירענע, פאַרשנייטע —
צו די מינען און פאַבריקן,
צו די קינדער פון די ריזן, וואָס דער שונא האָט פאַרקנעכט,
האָט ער זיך באַוויזן, און צו זיי גערופן
טעג און נעכט.

זיינע הענט, ווי פלאַטערדיקע פליגל,
זיינע מענטשן־ליבנדיקע הענט, די
אויסגעשטרעקטע, אויסגעשפּרייטע,
ווי אַרומצונעמען אַלע אונטערדריקטע
איבער גאָר דער וועלט.
איז מען, ווי צו אייגן פלייש און בלוט געקומען.
פּנימער פאַרחושכטע, פאַרזאָרגטע
האָבן אויפגעשטראַלט דערפרייטע,
ווען עס האָט צו זיי גערעדט
פון אַלע נישט באַלוינטע, און באַרויבטע —
דער פּראָפעט.

ר'האָט גערעדט צו צענער טויזנט,
צענער טויזנט און מיליאָנען —
זייער לאָקאָמאָטיוון־הייצער און פּראָפעט.
ס'האָט זיין קול דאָס שטאַרקע, פלאַמיקע און צאַרטע
אויפגעוועקט ביי זיי דעם זין פון לעבן.
האָבן קעפּ זיך אויפגעהויבן,
אויסגעגלייכט זיך האָבן פּלייצעס.
פון די דורות־לאַנג גענאַרטע,
און פון זיינע פּראָסטע, אמתדיקע רייד
האָבן אויפגעוואַכט אין הערצער שטאָלץ און ווייטיק
און אַ פרייד.

## אַמאָל איז געווען — אויך איצט זיינען דאָ

(חנוכה־ליד פאַר קינדער)

אַמאָל איז געווען אין דעם גריכישן לאַנד
אַ קעניג, אַ רשע, וואָס האָט דורכאַנאַנד
צעשטערן געוואָלט אונדזער היים, אונדזער פרידן.
אַמאָל איז געווען, און אויך איצט זיינען דאָ
פיל הערשער, וואָס ווילן אונדז מאַכן צו שאַנד,
וואָס ווילן נאָר שלעכטס טאָן אונדז, יידן.

אַמאָל האָט דאָס פאָלק זיך אין פרייד און אין נויט
אַ טעמפל אַ שיינעם, אַ מקדש געבויט.
פאַרשווערכן! — געקומען באַפעל איז פון קעניג דעם פרעכן
אַמאָל איז געווען, און איצט זיינען דאָ
די היטלערס, וואָס ברענגען נאָר אומגליק און טויט,
און ווילן דאָס ריינסטע פאַרמיאוסן, צעברעכן.

געווען איז געווען אין לאַנד ביי אונדז דאַן
מתתיהו, אַ כהן, אַ העלדישער מאַן;
אַ זון צו זיין פאָלק און אַ טאַטע געטרייער.
אַמאָל איז געווען, און אויך איצט זיינען דאָ
פיל ליכטיקע פירער, אויך העלדן פאַראַן,
וואָס גייען פאַר פרייהייט אין פייער.

פינף זין האָט מתתיהו דער כהן געהאַט,
האָט ער זיי געליבט, ווי זיין פאָלק און זיין גאָט;
פינף זין ווי די לייבן און גוטע ווי טויבן.
עס זיינען געווען, און אויך איצט זיינען דאָ

פיל זין און פיל טעכטער, וואָס זייער געבאָט
איז: היטן, ווי וועכטער, פאָלקס־פרייהייט און גלויבן.

אַמאָל איז אַ מסור, אויף שונאס באַפעל,
געגאַנגען פאַרשוועכן פון טעמפל די שוועל,
האָט בליץ־שנעל די שווערד אים דעם כהנס געטראָפן.
פאַררעטער געווען, און אויך זיינען דאָ,
וואָס גרייכט נישט די שטראָף זיי, באַלד דאָ, אויפן שטעל,
וועט, פריער צי שפּעטער, דאָס פאָלק זיי באַשטראָפן.

דער טאַטע פאַרויס, קעגן שונאס אַרמיי,
מיט אים, זיינע זין, און דאָס פאָלק איז מיט זיי,
און יעדער פון פאָלק איז אַ העלד אַן אַרמייער.
געווען איז אַ שלאַכט, און עס גייט נאָך איצט אָן —
די שלאַכט פאַרן פאָלק,
עס קומען און קומען
אַ דור נאָך אַ דור
און זיגן וועט זיגן דאָס פאָלק־מכבייער.

# פון פרעמדע שפראַכן

(איבערזעצונגען)

## אַלפאָנזאָ די־נאָלאַ *)

( — 1926 )

# אַ נ ט י ק ן

(איבערגעזעצט פון איטאַליעניש, צוזאַמען מיטן מחבר)

מיין נשמה — אַנגעזאַמלטע אַנטיקן:
ליגט אַ שופר
נישט גענוצט אין קיין עבודה —
רוט אין שכינות
מיט אַ קאָפּ אין דערנער־קרוין,
אַ פּנים אַ צעקרימטן,
צוגעבויגט זיך
צו אַ הייליקער מנורה.

דאָ און דאָרטן,
אַלטע פּאַרמעטן פאַרשריבן —
די חכמימס
קלוגע ווערטער פון אַמאָל נאָך,
לאַנד דאָס הייליקע פון אָבות.

אין אַ הויפן
פון אַנטיקן — אַ „קלעפּסידרע״ **)
נישט אויף זאַמדן,
נאָר אויף גאָלדן־שטויב פון שטערן
ווערט געמאָסטן
צייט און ריטם פון די דורות.

---

*) פון בוך: „וועלט־האַרבסט״.

**) אַ זאַמד־זייגער.

## ברידערלעכקייט

פאַר ווען ס׳איז אַ פרייד
צו רופן ברודער יענעם,
ווען פנים ס׳איז ווי זיינער,
פילן נאָענט נאָר צו יענע,
ווען זיינע אויגן זען.

אָ, וויפל שטימען רופן,
צויבערן פון אַלע זייטן;
פון די טיפן, פון די הויכן אין דער וועלט!
מיר איז נאָענט, נישט נאָר
קערפער, מענטשן, פאַרב און ראַסע.

וואָרצלען פון מיין ליבע
גרייכן צו די קוואַלן
פון אַנהייב זיין און ווערן, —
כ׳האָב ליב, וואָס איז,
ווייל איך בין.

## אין קראָם פון מלאכים *)

טרעפט אַן אָוונט —
שעהן שטיי איך ביים גן־עדן
דורכגענומען פון רחמנות.
וואַרט מיין בענקשאַפט:
אַט, אָ, וועלן פליגל אויסגעשפרייטע,
מיט אַ ציטער זיך אַ ריר טאָן,
זיך צעוויגן און וויברירן —
פון די ציטרע־סטרונעס
וועלן שטראָמען
הימלס טענער.

*) אין אַלטע געגנטן פון איטאַליע זיינען פאַראַן קראָמען, אין וועל־כע די איינציקע סחורה באַשטייט פון גיפּס־געגאָסענע מלאכים, צו פאַר־קויפן פאַר קירכעס און היימען פון קאַטאָליקן.

## די פליג צום ייִנגל:

דער פליגל,
דער דורכזיכטיקער,
וואָס האָסט פון מיר אַראָפּגעריסן —
געדענקסט?
ער האָט זיך איינגעפּלאָנטערט
אין דײַנע האָר.

אויפן בלעטל, דאָ,
איך שטיי און שלאָג די לופט
מיט איין פליגל ווינציקער,
וואָס מאַכט מיך אויס פליג.

און דו,
אַז האָסט שוין מײַן פליגל,
וועסטו פליען?

## וועלט-האַרבסט

קאָסמישע זאַפטן יערן
אין די ווענעס פון די הימלען.
וועלט איז ווי אַ שווערע פּרי
גרייט פון בוים אַראָפּצופאַלן.
מײַן נשמה וואַרט אין אומרו,
וואַרט דערשראָקן.
זאָל חלילה נאָר דעם מענטשן
עפּעס שלעכטס נישט טרעפן.

## געזאַנג צום רעגנבויגן *)

(אַפריקאַנער ליליפוטן)

כוואַ יע, אַ, כוואַ יע. רעגנבויגן, אַ, רעגנבויגן.
לויכסט דאָרט אויבן אַזוי הויך
איבער דעם ריזיקן וואַלד,
אינדערמיט פון די שוואַרצע וואָלקנס.
האָסט צעשפּאָלטן דעם פינצטערן הימל
און אים אויסגעבויגן הינטער זיך
אין געפעכט, באַזיגנדיק דעם רעווענדיקן דונער.

ער רעוועט אַזוי שרעקלעך־צאָרנדיק.
איז ער געווען אין כעס אויף אונדז ?

רעגנבויגן, רעגנבויגן :
האָסט צעשפּאָלטן דעם פינצטערן הימל,
ווי אַ מעסער צעשפּאַלט אַ צייטיקע פרי.

ער איז אַנטלאָפן, דער דונער, וואָס דערהרגעט מענטשן,
אַנטלאָפן, ווי דער אַנטילאָפּ אַנטלויפט פאַרן לעמפּערט,
ער איז אַנטלאָפן.

רעגנבויגן, רעגנבויגן,
מעכטיקער בויגן פון גרויסן יעגער —
דער גרויסער יעגער, וואָס יאָגט זיך נאָך די סטאַדעס־וואָלקנס —
האָרדעס צעשראָקענע עלפאַנטן.
רעגנבויגן, גיב אים איבער אונדזער דאַנק.

---

*) פון די״נאָלאָס בוך : „געבעט פון פרימיטיווע פעלקער״.

זאָג אים: צאָרן נישט.
זאָג אים: זיי נישט אין כּעס.
זאָג אים, ער זאָל אונדז נישט טויטן.
מיר זיינען זייער דערשראָקן —
רעגנבויגן, זאָג אים.

## אַ געזאַנג

(דינקאָ — סודאַן)

ווען גאָט האָט באַשאַפן אַלע זאַכן
האָט ער באַשאַפן די זון.
און די זון ווערט געבוירן און שטאַרבט
און קומט צוריק.

ער האָט באַשאַפן די לבנה
און די לבנה ווערט געבוירן און שטאַרבט
און קומט צוריק.

ער האָט באַשאַפן די שטערן
און די שטערן ווערן געבוירן און שטאַרבן
און קומען צוריק.

ער האָט באַשאַפן דעם מענטשן
און דער מענטש ווערט געבוירן און שטאַרבט
און קומט נישט צוריק.

## צו דער זון

(פערו — די אינקאַס)

אָ, באַשאַפער, דו, וואָס זאָגסט:
„זאָל זיין נאַכט", „באַגין", „טאָג", „זונפאַרגאַנג",
באַוויליק דער זון, אַז ווען זי גייט אויף,
זאָל זי געפינען שלום אומעטום.

באַשיץ זי, אַז זי זאָל קענען געבן ליכט
צו די מענטשן, וועלכע דו האָסט באַשאַפן.

אָ, באַשאַפער, אָ, זון.
דו, וואָס געפינסט זיך אינעם פרידן
און אין ווילזיין —
גיב אונדז ליכט,
גיב דעם פאָלק געזונט און גליק.

## אַ געבעט אָפצושטעלן אַ שטורעם

(באַקאַנגאָ — אַפריקע)

פאָטער,
דיינע קינדער זיינען אין גרויס שרעק,
שטיל איין דעם שטורעם!
אָט דאָ זיינען מיר, דיינע קינדער,
זעסט דען נישט, אַז ער טויט אונדז?

## צו זאַנאַר און ניאַנג —
## די צוויי באַשאַפער פון דער וועלט

(מאַדאַגאַסקאַרער שבטים)

אָ, זאַנאַר, נישט צו דיר אונדזער געבעט, —
דעם גוטן דאַרף מען נישט בעטן.
מיר מוזן אָבער שטילן דעם צאָרן פון ניאַנג!
אָ, ניאַנג! דו שלעכטער און מעכטיקער גאָט,
לאָז נישט דעם דונער קראַכן איבער אונדזערע שוצלאָזע קעפּ,
לאָז נישט דעם בייזן ים אַרויסשפּרינגען פון די ברעגעס;
האָב רחמנות אויף אונדזערע איידעלע פּרוכט;
פאַרברען נישט די רייז — לאָז זיי בליען,
ברענג נישט קיין אומגליק און ליידן אויף אונדזערע פרויען,
צווינג נישט קיין פרוי צו זען, ווי די האָפענונג פון אירע
עלטערע יאָרן ווערט פאַרטראָגן און באַגראָבן אין צערייצטן ים.
אָ, ניאַנג! צעשטער נישט די גוטע אַרבעט פון זאַנאַר, —
דו הערשסט איבער די שלעכטע, און זייער צאָל איז גענוג גרויס,
פּייניק נישט די גוטע צווישן אונדז.

.1

די טאָכטער פון אָנקל כאַראַוויי
בענקט נאָך מיר.
איך וואַרט און ברען.
זי גייט פאַרביי
אין איר געבלימטן שאַל מיט פראַנדזן.
הינטערן שאַל באַהאַלט זי אירע הענט, —
און אין אירע הענט האַלט זי מיין האַרץ.

.2

ווי שיין זי איז
אין ענג־געפאַסטן קלייד.
איר בוזעם שפּאַרט, צעשפּאַרט —
ווי זיס.
ווען זי ציט אַראָפּ דאָס קלייד, —
ווערן הייליק מיינע ציין
פון וואַרטן.

---

פון די'נאָלאַס זאַמלונג: „עראָטישע געזאַנגען ביי פּרימיטיווע פעלקער״.

# שמיד מיין ליבער

(פון רוסיש)

איך שפּרינג אַראָפּ פון בעט גאַנצפרי,
ווי נאָר איך הער דעם קלאַנג פון האַמער.
צו דער קוזשניע טוט מיין האַרץ אַ צי, —
ווערט מיר ענג און קליין מיין קאַמער.

כ׳יאָג צו דיר, מיין שמיד, איך יאָג, —
שווינג דעם האַמער, יונג מיין ליבער.
קלינג און קלאַנג, דו וועקסט דעם טאָג, —
וועק די מענטשן אין די שטיבער.

כ׳צי דעם בלאָז־זאַק, ס׳אייזן גליט.
פערד צום קאָוועו, גרייט שוין שטייען, —
קלאַפּן וועט פּאָדקאָווע־ליד
איבער טראַקטן און שאָסייען.

פונעם שטאָל צעגליטן, ווערן וועט
אַקער־אייזן פאַרן פויער.
זינגט דער האַמער, זינגט און רעדט
ביז דער נאַכט דער בלויער.

ווען עס רוט דער האַמער־קלאַנג,
נעמען שטערן זיך באַווייזן, —
זינגען זיי מיין שמידס געזאַנג —
דאָס שלום־ליד פון אַקער־אייזן.

## ווינטער

(פון אַ רוסישן מאָטיוו)

איך בין דער ווינט פון צפון,
איך ברענג מיט זיך דעם שניי.
מיין אָטעם, פרעסט און קעלטן,
מיין גאַנג איז ווילד געדריי.

דורך יעדן טאָג פון ווינטער,
דורך נאַכטלעך שטילן בלוי,
איך זינג אַריין אין קוימענס,
און פייף מיר צו אַזוי:
או־או־או־או,
או־או־או־או.

עס מאַכט די שויבן ציטערן
מיין הוליענדיק געזאַנג.
עס בלייבן שטיין די טייכן,
פאַרגליווערטע אין גאַנג.

איך קנייפּ די קינדער־בעקלעך
און מאַך זיי רויט און בלוי —
איך פריר זיי אָפּ די נעזלעך,
און פייף מיר צו אַזוי:
או־או־או־או,
או־או־או־או.

## פאַרשנייט מיין פרילינג

(אַרמעניש פאָלקס־ליד)

שניי האָט פרילינג מיינעם צוגעדעקט, —
וואַי, לאַ־לאַ, וואַי, לאַ־לאַ!
קאַלט מיין ליבסטער, פרעמד אַ שרעק, —
נישט קיין וואָרט און נישט קיין גלעט,
בייזע צונג האָט מיך באַרעדט
און פון מיר אים אָפגערעדט —
וואַי, לאַ־לאַ, וואַי, לאַ־לאַ!

טאָג און נאַכט, דער ווינט, ער בלאָזט —
וואַי, לאַ־לאַ, וואַי, לאַ־לאַ!
כ׳ווייס, ער האָט מיך שוין פאַרלאָזט, —
כ׳וואַרט אומזיסט פון פרי ביז שפּעט,
בייזע שלאַנג האָט מיך באַרעדט
און פון מיר אים אָפגערעדט —
וואַי, לאַ־לאַ, וואַי, לאַ־לאַ!

ס׳פּנים מיר פון בושה פלאַמט,
וואַי, לאַ־לאַ, וואַי, לאַ־לאַ!
אוי, האָט זי מיין גליק פאַרסמט
און פאַרמיאוסט מיך איבעראַל, —
נעם זיך אָן פאַר מיר, קינזשאַל,
אוי, מיין טייערער קינזשאַל —
וואַי, לאַ־לאַ, וואַי, לאַ־לאַ!

יעווגעני יעווטושענקאָ *)

# באַבי יאַר

קיין מצבה נישט אויף באַבי יאַר. נאָר קאַלטער
באַרג־ריס — קבורה־שטיין, פון קיינעם נישט געשטעלטער.
מיך גרוילט — כ'בין היינט אַזויפיל יאָרן אַלט,
עס איז מיט יידיש פאָלק באַגלייך מיין עלטער.

מיר דאַכט זיך איצט, איך בין אַ ייד,
איך וואַנדער דורך מצרימס ווילדע שטרעקעס.
אָט שטאַרב איך אויפן צלם, גליד נאָך גליד,
איך האָב נאָך איצט סימנים פון די טשוועקעס.

עס דאַכט זיך מיר, אַז דרייפוס — דאָס בין איך.
די מוסרים זיינען מיינע עדות און די שופטים.
הינטער גראַטעס מיך אַריינגעפלאָנטערט
דורך העצע, ליגן, מיך באַשפּיגן.

די דאַמעלעך מיט קרוזשעוועס פון בריסל,
מיט געקוויטש, די זאָנטיקלעך אין פנים מיר זיי צילן.
מיר דאַכט, איך בין דאָס ביאַליסטאָקער ייִנגל,
מיין בלוט זיך גיסט און שפּרייט זיך איבער דילן.

עס בושעווען אין שענק די פירער פון דער באַנדע.
עס שטיקט די לופט פון ציבעלעס מיט בראָנפן,

*) דריי לידער.

אַנמעכטיק קעגן כוליגאַנישער קאָמאַנדע,
אומזיסט מיין בעטן — אַ שטיוול האָט מיך אומגעוואָרפן.

זיי ווילדעווען: „די זשידעס שלאָגט! און ראַטעוועט דעם רוס״.
און אויף מיין מאַמעס קאָפּ, די קלעפּ, זיי פאַלן. —
אַ, רוסיש פאָלק מיינס, כ׳ווייס, אַז אין מהות
ביסטו דאָס פאָלק, דאָס אינטערנאַציאָנאַלע.

עס פירט זיך אָפּט, אַז ווענעמענס האַנט עס איז נישט ריין,
מיט ריינסטן נאָמען פונעם לאַנד מאַסקירט זיך.
נאָר כ׳קאָן אויך די גוטסקייט פונעם לאַנד.

ווי פאַרדאָרבן — די אַנטיסעמיטן, אָן אַ ציטער
באַצירן זיך מיט שיינעם נאָמען
„פאַרבאַנד פון רוסיש פאָלק״.

* * *

מיר דאַכט, אַז איך בין אַנאַ פראַנק.
דורכזיכטיקע — אַ צווייגל אין אַפּריל.
איך בין פאַרליבט. איך האָב פאַר פראַזן קיין פאַרלאַנג.
איך דאַרף, אַז איינער אין דעם צווייטן זאָל קוקן שטיל.

פאַרבאָטן אונדז דער הימל, בלעטער אונדז פאַרווערט.
דאָס אויג קען ווינציק זען, דיין דופּט איז אומעטום.
עס בלייבט פאַר אונדז נאָך פיל דאָ אויף דער ערד.
אין טונקלען צימער נעמען מיר זיך צאַרט אַרום.

— מען גייט אַהער? —
— נישט שרעק זיך,
דער פרילינג רוישיק וועקט זיך,
ער גייט צו אונדז.

דו קום צו מיר,
די ליפּן גיב מיר שנעלער.

— מען ברעכט די טיר?
— ניין, עס פּלאַצט דאָס אייז.

* * *

אויף באַבי יאַר, געררויש פון ווילדן גראָז.
דיביימער, ווי די שטרענגע שופטים זעען אויס.
דאָס שווייגן שרייט. איך שטיי. דער קאָפּ אַנטבלויזט
און אויף מיין קאָפּ די האָר, זיי ווערן גרוי.

און איך — אַ קלאַנגלאָז, אָן־אַ־סופעדיק געשריי.
די צענער־טויזנטער באַגראָבענע — איך בין זיי.
כ׳בין יעדער פון די זקנים, דאָ דערשאָסענע;
כ׳בין יעדער, יעדער, דאָ דערשאָסן קינד.

קיין זאַך אין מיר וועט דאָס שוין נישט פאַרגעסן.
דער „אינטערנאַציאָנאַל” זאָל טאָן אַ דונער,
ווען ס׳וועט, אַנטיסעמיט, דער לעצטער זיין באַגראָבן.

נישטאָ ביי מיר אין בלוט קיין יידיש בלוט.
פאַר יעדערן, פון האָס צעפרעסענעם אַנטיסעמיט —
בין איך אַ ייד.
דערפאַר — אַן עכטער רוס.

# אויסרופצייכן

(אַ פּאַריזער ליד)

געווען אַ נאַכט, פּאַריזער, אַ פּוסטיניע,
איבער מיר די וואָלקנס, נידעריקע שווימען.
ערגעץ ביי דעם הייליקן אַווגוסטינען
האָב איך יונגען דריי, אַרבעטער דערזען.
האָט איינער, ס׳ליכט פון שפּעטער נאַכט געהיט,
ער האָט געקוקט אויף מיין געזיכט, ווי מיט פאַרדאַכט.

דער צווייטער,

אויף חברס אַקסלען זיך געטאָן אַ שטעל,

אויף וואַנט געשריבן שנעל:

« Paix à l'Algérie ! »

ברידערלעך צעקושן וואָלט איך זיך מיט זיי,

פּאָר אַזוינע ווערטער צוויי.

„איך בין אַ רוס, —

כ'בין צוגעגאַן. —

ס'איז אַלץ בסדר!"

זיי האָבן זיך צעשמייכלט:

„אָ, מאָסקווע!"

כ'האָב זיך אַ מעסט געטאָן.

צו וואָס אויף אַקסלען קלעטערן?

אָט, ווי לאַנג איך בין —

איך וועל אַזוי דערגרייכן.

אַ נעם געטאָן ביי זיי דעם שוואַרצן קויל,

און ביי דעם אויפשריפט

האָב איך

אויסרופצייכן

צוגעשטעלט!

צייט זיך אָפּצוּוואַשן...

ערשטע שטראַלן פון באַגין

האָבן זיך באַוויזן

אויף הייזער,

בריקן.

חברה

האָט אָנגעשטעלט די בליקן

אויף מיין האַנט

מיט אַ שמייכל:

„אַהאַ, אַ מאָסקווער האַנט!"

וואָס טוט ער דאָרט,
מיין אויסרופצייכן?
כ'שטאָלציר מיט אים
ווי מיט אַ ליד.
געוויס האָט אים צוזאַמען מיטן אויפשריפט,
אַ זשאַנדאַר, אַ גראַבער, לאַנג שוין אָפּגעווישט.

איך לעב זיך, פשוט — אַ מאָסקווער איינוווינער,
נאָר אויף מיין האַנט —
פאַרשטייט איר מיך —
קוק איך, פון דעמאָלט אָן, מיט שטאָלץ און ווירדע...
נאָך, ווי אַזוי —
ז'איז דאָך אַ מאָסקווער האַנט!

* * *

(פון דער סעריע: „לידער פון באַגין")

איך שפּאַר זיך דורך דעם שטאָטישן געדראַנג
איבער אַפּריל־וואָסער מונטערן — מיט שוווּנג.
אומפאַרשעמט־אומלאָגיש — מיין געדאַנק;
אומפאַרגעבלעך — יונג.

איך שלאָג זיך דורך טראַמווייען גיך.
כ'הער זיך, וועמען, גרינג אַ ליגן זאָגן, —
נ אָ ר איך לויף אַליין נאָך זיך
און כ'קאָן זיך נישט דעריאָגן.

איך באַוווּנדער אַלץ, וואָס קומט מיר אָן אַקעגן;
מיינע לידער — ווי איך שרייב זיי אָן, —
מ'האָט מיר צוגעטיילט אַ גרויס פאַרמעגן —
נישט געזאָגט מיר, וואָס מיט דעם צו טאָן.

## א. סאַבאָלעוו

# בוכענוואַלד - אַלאַרם

מענטשן פון דער וועלט אין אַלע לענדער,
הערט נאָר, הערט אַ רוישן, אַ געדראַנג,
איבער בוכענוואַלד עס שאַלט אַלאַרם —
גלאָק־אַלאַרם־קלאַנג, גלאָק־אַלאַרם־קלאַנג.

אויפגעוואַכט האָט הייליק בלוט גערעכטע,
הודזשעט מוראדיק דער גלאָק דערביי.
די קרבנות אויפגעשטאַנען זיינען
פון די אַשן, זיך געשטעלט אויפסניי.

די מיליאָנען לעבעדיק פאַרברענטע
אויסמושטירט אין רייען, ריי נאָך ריי.
זיי, די מחנות אינטערנאַציאָנאַלע,
צו אונדז אַלע, צו אונדז אַלע רעדן זיי:

הערט איר, ווי עס קראַכט דער שווערער דונער?
נישט פון שטורעם, נישט פון הוראַגאַן,
פונעם טויט־אַטאָם אַרומגענומען,
וואָיעט אָקעאַן, וואָיעט אָקעאַן.

מענטשן פון דער וועלט אין אַלע לענדער,
הערט נאָר, הערט אַ רוישן, אַ געדראַנג,
איבער בוכענוואַלד עס שאַלט אַלאַרם —
גלאָק־אַלאַרם־קלאַנג, גלאָק־אַלאַרם־קלאַנג.

איבער גאָר דער ערד דער קלאַנג צעשפרייט זיך
דער אַלאַרם יאָגט זיך, יאָגט נאָך יעדנס טריט,
מענטשן, לענדער, איר זאָלט וואַך זיין, וואַך זיין,
פון דער וועלט דעם שלום היט, אָ, היט!

---

**געזונגען** פון פאַריזער ייִדישן פאָלקס־כאָר, לזכרון די יידישע **העלדן אין** פראַנצויזישן **ווידערשטאַנד.** מוזיק — וו. מוראַדעלי, אַראַנזשירט — נ. **סאַמאַראָוו.**

## שיינע באַרבאַראַ עלען

(באַלאַדע)

ס׳האָט אויף אַ באַרג געוווינט אַמאָל
דאָס מיידל באַרב׳ראַ עלען.
זי האָט געשמט אויף באַרג און טאָל,
ז׳איז אַלעמען געפעלן.

עס איז געווען אין פרילינג שפעט,
דער מאַי — ביי אַלע שוועלן.
סוויט וויליאַמס ליגט אויף טויטן בעט,
פאַרליבט אין באַרב׳ראַ עלען.

זיין מאַמע קומט און זאָגט איר אָן:
קריגסט, מיידל, וואָס ווּעסט וועלן —
נאָר קום מיט מיר, עס שטאַרבט מיין זון —
דו, שיינע באַרב׳ראַ עלען.

זי טראַכט און זאָגט: נו, גוט, כ׳וועל גיין.
ז׳איז נאָכגעגאַן דער אַלטער,
ביים קראַנקנס בעט געבליבן שטיין
אַ ברוגזע, אַ קאַלטע.

זיין בלאַסע האַנט האָט ער געשטרעקט
צו איר, צום פּנים אירן,
זי האָט געטאָן אַ שפרונג אַוועק:
דו זאָלסט מיך נישט באַרירן!

געדענקסט, סוויט וויליאַמס, ווי דו האָסט
צום מיידל מיט די קרעלן

געטרונקען פריילעך טאָסט נאָך טאָסט?
נאָר נישט צו באַרב׳ראַ עלען!

איך ווייס, איך זע, ווי קראַנק דו ביסט —
האָסט מיך געוואָגט פאַרשעמען!
דו שטרעקסט צו מיר די הענט אומזיסט,
כ׳וועל קיינמאָל דיך נישט נעמען!

אויף טויטן בעט סוויט וויליאַמס ליגט.
זי איז אַוועק אַ שטילע,
זי גייט און גייט, אין לופט זיך וויגט
אַ גלאָקן־קלאַנג, אַ תפילה.

לוויה־טאָג האָט זון געשיינט,
זי האָט געטראַכט פאַרבאָרגן:
„סוויט וויליאַמס, ביסט געשטאָרבן היינט
און איך וועל שטאַרבן מאָרגן״.

געשטאָרבן ער פון ליבעס־וויי,
אויך זי — פון ליבעס־ליידן;
זיין מאַמע איז אַוועק נאָך זיי,
פון ליבע צו זייביידן.

די קברים צוויי שוין לאַנג באַוווּסט
צו יעדערן געוואָרן,
אויף איינעם וואַקסט אַ רויזן־קוסט,
אויף צווייטן וואַקסט אַ דאָרן.

עס בויגט דער רויזן־קוסט זיך אויס
און טוליעט זיך צום דאָרן,
דער דאָרן נעמט אַרום די רויז —
אַזוי שוין אַלע יאָרן.

## אַ קאַובאָיס געבעט

(באַלאַדע)

איך גיי מיר אַזוי זיך אַרויס אין לאַרעדאָ,
דערזע איך אַ קאַובאָי אין איינער אַ גאַס;
אַן אָרעמער קאַובאָי אין באַנדן פון לייוונט,
פון לייוונט נאָך ווייסער זיין פנים — טויט־בלאַס.

„דו ביסט אויך אַ קאַובאָי" — האָט ער שטיל געמורמלט.
„קום, זעץ זיך און הער אויס" — האָט ער זיך צעהוסט.
איך בויג זיך אַריבער, ער רעדט ווי אין פיבער:
„כ'ווייס, אַז באַלד שטאַרב איך — אַ קויל אין מיין ברוסט".

„אָ, פייף אויס אַ תפילה, און פויק צו אפילו
און שפיל אויף אַ טויט־מאַרש מיין אייביקן שלאָף;
אין טאָל דאָרט, אין גרינעם, גראָב אויס מיר אַ קבר, —
איך ווייס, איך בין שולדיק און דאָס איז מיין שטראָף.

עס זאָלן קאַמ'ראַדן פאַרגרייטן מיין אָרון,
מיין קבר זאָל זיין דאָרט אין טאָל, ווו עס גרינט,
מען זאָל מיך מיט ערד־גראָז אויף שטענדיק פאַרדעקן, —
די וווּנד אין מיין האַרצן — איך האָב זי פאַרדינט.

משפחה פאַראַן־ווו, און פריינט אויך אין לאַנד־ווו,
עס ווייסט דאָרט נישט קיינער, ווו ס'איז מיין געביין;
אין טעקסאַס אַמאָל זיך צו רענטשערס פאַרדונגען
און איצט — איך בין שולדיק, איך ווייס עס אַליין.

געזעסן אין זאָטל, פאַר קיין זאַך געשרעקט זיך;
אין זאָטל, אָ, שטענדיק זיך גליקלעך געפילט;

דער שענק... און די קאָרטן... געצילט האָט דער שיסער,
געצילט און געטראָפן — און אַלץ איז פאַרשפּילט.

עס זאָלן קאָזאַקן צום אָרון געגרייט זיין.
מיט רויזן וואָס מערער דעם אָרון דעקט צו;
פון מיידלעך זעקס שיינע די רויזן געשפּרייט זיין,
די ערד זאָל נישט שווער זיין און שטערן מיין רו.

באַגראָב ביי מיין זייט מיר דאָס מעסער, דעם שיסער;
די שפּאָרן צופוסנס, די ביקס ביי מיין זייט,
און משקה אַ פלעשל אין מיטן פון אָרון,
פאַר מיינע באַגלייטער, די דורשטיקע לייט״.

„גיי ברענג, קאַמעראַד, אַ טרונק וואַסער מיר, קאַלטע״,
מיט ליפּן צעשפּאָלטן האָט ער קוים גערעדט,
געלאָפן, געבראַכט שנעל אַ טרונק אים, אַ קאַלטן,
צו אים זיך געבויגן, געווען שוין צו־שפּעט.

אויף פייפלעך אַ תפילה, מיט פייקלעך אפילו,
מיר האָבן באַגלייט אים און ביטער געוויינט;
אַ יונג אַזאַ בראַווער, מיר האָבן געליבט אים —
אויב שולדיק אפילו — קיין שלעכטס נישט געמיינט.

## כ״האָב אַ געליבטן אין דינסט אויפן ים

(באַלאַדע)

אַ מיידל גאָר שיין זיצט אין גאָרטן אַליין.
עס קומט אַ מאַטראָז אָן, ער בלייבט אַזוי שטיין —
אַ טראָט אויף צוריק, ער פאַרנייגט זיך און זאָגט:
— זיי, מיידל, מיין כלה. אָ, זאָג מיר נישט ניין!

— איך האָב אַ געליבטן אין דינסט אויפן ים,
שוין זיבן יאָר לאַנגע אויף דעם אָקעאַן —

ווען נאָכאַמאָל זיבן ער קומט נישט צוריק,
איך ווער נישט קיין כלה אפילו אויך דאַן.

— ס׳האָט אפשר זיין שיף שוין געזונקען אין ים?
צי ר׳איז ווו געפאַנגען געוואָרן אין קריג
און אפשר שוין חתונה דאָרטן געהאַט
און וועט צו דיר, מיידל, נישט קומען צוריק?

אפילו זיין שיף וואָלט געזונקען אין ים,
צי ר׳איז אין געפאַנגשאַפט און ס׳האָט אים געגליקט
און ר׳האָט אַ געליבטע געפונען זיך דאָרט —
דאַן וואָלט איך זיי ביידן מיין ברכה געשיקט.

נאָר ס׳האָט נישט געזונקען זיין שיף אין קיין ים,
ער איז מיין געליבטער, ווי שטענדיק, ווי פריער;
ער זוכט נישט דאָס גליק זיינס, ווער ווייסט ערגעץ־ווו,
מיין ליבסטער, ער שטייט גאָר אָט דאָ לעבן מיר...

דאַן גרייכט ער צום טאַש שנעל און נעמט דאָרט אַרויס
פון סאַמעטן שאַכטל אַ גאָלד־מעדאַליאָן
און לאָזט זיך אַרונטער פאַר איר אויף די קני,
ווי זי וואָלט געזעסן פאַר אים אויף אַ טראָן:

— כ׳האָב שיפן זעקס — זאָגט ער, — אויף דעם אָקעאַן,
באַלאָדן מיט אוצרות פון איבער דער ערד,
זיי קענען דאָרט שווימען, צי זינקען אין ים,
ווייל דו, מיין געליבטע, ביסט מער ביי מיר ווערט.

## זעץ זיך, דינסט, אַנידער

(פון נעגערשע פאָלקס־געזאַנגען און ספּיריטואַלס)

— זעץ זיך, דינסט, אַנידער.

— כ'קען זיך נישט זעצן,
מיין נשמה איז אַזוי גליקלעך,
אַז איך קען זיך נישט זעצן.

מיין לאָרד, דו ווייסט?
האָסט מיר צוגעזאָגט,
צוגעזאָגט אַ לאַנג, ווייס קלייד
און אַ פּאָר שיך.

— גיי, דאָרט, מלאך,
כאַפּ אַריין אַ פּאָר שיך,
טו זיי אָן אויף די פיס פון מיין דינסט.
איצט, איך בעט דיך, דינסט, זעץ זיך אַנידער.

— מיין לאָרד, דו ווייסט?
האָסט מיר צוגעזאָגט,
צוגעזאָגט אַ ווייס, לאַנג קלייד
און אַ שטערן־קרוין.

— גיי דאָרט, מלאך,
כאַפּ אַריין אַ שטערן־קרוין,
טו זי אָן אויפן קאָפּ פון מיין דינסט.
איצט, זעץ זיך, דינסט, אַנידער.

— מיין לאָרד, דו ווייסט?
האָסט מיר צוגעזאָגט,
צוגעזאָגט אַ ווייס, לאַנג קלייד
און אַ גאָלדענעם גאַרטל.

— גיי דאָרט, מלאך,
כאַפּ אַריין אַ גאָלדענעם גאַרטל,
טו אים אָן מיין דינסט אַרום איר טאַליע.
איצט, איך בעט דיך, דינסט, זעץ זיך אַנידער.

## וואַלט וויטמאַן *)

(1819 — 1893)

# אַוועק מיט טעמעס פון קריג

(פון דער פּאָעמע: „געזאַנג פון דער אויסשטעלונג")

אַוועק מיט טעמעס פון קריג! אַוועק מיט קריג אַליין!
אַוועק פון מיין שוידערדיקן בליק, נישט צוריקצוקערן מער,
דאָס בילד פון פאַרשוואַרצטע, צעקאַליעטשעטע, טויטע!
יענער צעפּראַלטער גיהנום און פלייץ פון בלוט, פּאַסיק
פאַר ווילדע טיגערס, צי פאַר בלוט־דורשטיקע וועלף,
נישט פאַר דענקענדיקע מענטשן.

אַוועק מיטן אַלטן ראָמאַנס!
אַוועק מיט אַלטע נאָוועלעס, מעשיות, דראַמעס פון קייזערלעכע הויפן,
אַוועק מיט ליבע־לידער געצוקערט אין גראַמען, די אינטריגעס,
ליבעס־אַפּערעס פון ליידיק־גייער
פּאַסיק נאָר פאַר באַנקעטן פון דער נאַכט,
ווו טענצער צו דער שפּעטער מוזיק וואַלצירן,
די אומגעזונטע פאַרגעניגנס, פאַרשווענדערישע הולטייעריי
פאַר איינציקע,
מיט פּערפום, היץ און ווײן אונטער שווינדלדיקע קאַנדעלאַברעס.

צו אייך, געערטע, געזונטע שוועסטער,
הויב איך מיין קול פאַר פיל גראַנדיעזערע טעמעס פאַר דיכטער
און פאַר קונסט;
צו פאַרערן דעם איצט און דאָס רעאַלע,
צו לערנען דעם דורכשניט־מענטש די גלאָריע
פון זיין טעגלעכן גאַנג און אַרבעט,
צו זינגען אין לידער,
אַז איבונג און כעמיש לעבן זאָל מען קיינמאָל נישט פאַרשעמען.

.1871

---

*) צוויי לידער.

# דער דיכטער

(פון דער סעריע: „ביי אָנטאַריאָס בלויען ברעג" — 1864)

ער משפט נישט, ווי דער ריכטער משפט,
נאָר ווי די זון רירט אָן אַ זאַך, וואָס קאָן זיך אַליין נישט העלפן.
דערפאַר, וואָס ער זעט צום ווייטסטן,
האָט ער דעם מערסטן גלויבן.

זיינע מחשבות זיינען הימנס פון לויב פאַר זאַכן,
אין די וויכוחים וועגן גאָט און אומשטערבלעכקייט — שווייגט ער שטיל.
ער קוקט נישט אויף אומשטערבלעכקייט, ווי אויף אַ שפּיל
מיט אַ פּראָלאָג און עפּילאָג, —
ער זעט אומשטערבלעכקייט אין מענער און פרויען, —
ער קוקט נישט אויף מענער און פרויען, ווי אויף חלומות
און פינטעלעך.

פאַר דער גרויסער אידייע —
די אידייע פון פּערפעקטע און פרייע מענטשן.
צוליב דעם גייט דער דיכטער פאָרויס — פירער פון פירער.
זיין האַלטונג דערמוטיקט שקלאַפן און שרעקט אָפּ דעספּאָטן,
פרייהייט ווערט נישט פאַרלאָשן,
גלייכהייט טרעט נישט אָפּ צוריק —
דאָס לעבט אין די הערצער פון יונגע מענער,
אין די בעסטע פרויען.

## וואַשעל לינדסעי

(1931 — 1879)

# אינדיאַנער זומער־טעג אויף די פּרעיריס

(אָנהויב טאָג)

די זון איז אַ יעגערין, יונג און איידל,
די זון — אַ רויטע פרייד אין הימלס בלוי;
די זון איז אַן אינדיאַנער מיידל,
פונעם שבט אילינאָי.

(אין שפּעטן פרימאָרגן)

די זון — אַ פייער־קנויל, וואָס ראָלט אין גליען,
ווו אַ וואָלקן־קוסט נאָר ער באַגעגנט,
לאָזט ער אים זיך נישט צעבליען
אין די בלומען פון אַ רעגן.

(אין מיטן טאָג)

די זון — אַ הירש פאַרוווּנדעט פון אַ בויגן,
טרעט אויף הימלס געלן גראָז און דערנער.
בליצן — זיינע גאָלדענע הערנער,
שרפות־פלאַמען — זיינע אויגן.

(זונפאַרגאַנג)

די זון — אַן אַלטער אָדלער,
אין דעם מדבר פון דער ווייטער „ווּעסט" *),
אויף משופּעדיקן פעלז־מיראַזש
בויט ער פאַר זיך אַ פייער־רויטע נעסט.

---

*) מערב.

## ראָבערט פראָסט*)

( 1963 — 1875 )

## אַנטפּלעקונג

מיר האַלטן זיך פון מענטשן ווייט,
דורך פאַלשן שפּיל, דורך ווערטער גרויס, —
דאָס האַרץ דאָך בענקט אין איינזאַמקייט
און גוט איז, ווען מיר פעלן ווערט מען אויס.

מיר שמייכלען אין פאַרלעגנהייט,
פאַרשטעלן זיך — ס'איז אויך אומזיסט, —
עס קומט אַ שעה פון צייט צו צייט,
ווען גאַרסט דערציילן ווער דו ביסט.
עס שפּילט באַהעלטעניש סיי גאָט, סיי קינד
און יעדער וואַרט אויף יענער שעה,
ווען אים מען זוכט און מען געפינט, —
אויב נישט, רופט ער: „אָט בין איך דאָ!"

## דאָס פּאַשע-פעלד

איך גיי אַרויס אין פעלד אַ רייניק טאָן
דעם שטראָם — פאַרלייגט פון בלעטער־פּאַל,
עס זאָל דאָס וואַסער פליסן פריי פון קוואַל.
עס דויערט מיר נישט לאַנג — קום אויך מיט מיר.

איך וועל דאָס קעלבעלע פאַרנעמען פריער, —
די מוטער לעקט און לעקט עס מיט דער צונג.
עס שטייט און ציטערט — ס'איז נאָך שוואַך און יונג.
עס דויערט מיר נישט לאַנג — קום אויך מיט מיר.

*) פינף לידער.

## דער גענומענער וועג

עס האָבן וועגן צוויי פון וואַלד געפירט,
פון געלן וואַלד און זיך צעשיידט ביים ברעג.
אַ שאָד, כ׳בין איינער נאָר, די וועגן — צוויי
און יעדער ציט זיך אַנדערש־ווו אַוועק
און איך קען גיין אויף איינעם נאָר פון זיי.

קיין צייכן הייבט פון טריט. די בלעטער — געל,
נאָך פריש פון נאַכט. איך שטיי אַזוי און קלער,
אויף איינעם דאָך האָב איך געטאָן מיין טראָט אַ שטעל
און באַלד אין גאַנג האָב איך געאַנט פאַרוואָס:
„ער דאַרף די טריט״ — האָט מיר געזאָגט דאָס גראָז.

אויף צווייטן וועג כ׳וואָלט וועלן גיין אַמאָל.
גיי ווייס — אַ וועג — וווהין ער פירט, פאַרפירט.
ביז ערגעץ־ווו אינגאַנצן זיך פאַרלירט.
געוויס איז שווער צו וויסן, ווען, ווי שנעל
איך קום אַמאָל אַהער צוריק — אויב כ׳וועל...

כ׳וועל מיט אַ זיפץ ווו, דורות ווייט פון איצט,
דערציילן: — „צוויי וועגן זיך פון וואַלד צעשיידט״
און איך, נישט וויסנדיק, האָב אויסגעווײלט
דעם וועג, וואָס האָט גענויטיקט זיך אין טריט —
דאָס איז געווען דער גאַנצער אונטערשיד.

# בעראָזעס

ווען כ׳זע בעראָזעס אויסגעבויגן, רעכטס און לינקס,
קעגנאיבער הויכע, טונקעלעביימער־רייען,
טראַכט איך: יינגלעך האָבן זיך געמוזט דאָ הוידען —
נאָר פון הוידען בלייבן זיי נישט אויסגעבויגן, —
אייז־שטורעמס טוען דאָס. אָפט זעט איר זיי
אין ווינטער, אין אַ זוניקן פרימאָרגן,
נאָך אַ רעגן, שווער מיט אייז באַלאָדן.
פאַרבן־שפּיל און קלאַנגען. דער עמאַל־געגלייזטער
פּלאַצט און שפּליטערט זיך; אַ בלאָז פון ווינט, אַ טרייסל —
שיילן זיך אין זון די שאָלן פון קרישטאָלן —
פאַלן בערג מיט שפּליטער אויף די שטייפע שנייען,
בערג אַזוינע, אַנגעבראָכן גלאָז — פאַרשאָרן,
קאָן מען מיינען, הימלס „דאָום״ איז איינגעפאַלן.
לאַנג אַזוי אַראָפּגעדריקט, פון טאָגען לאַסטן,
קאָן מען נאָך בעראָזעס נישט צעברעכן,
נאָר זיי וועלן קיינמאָל זיך שוין נישט אויסגלייכן.
זעט מען אין דעם וואַלד די שטאַמען, יאָרן שפּעטער,
אויסגעבויגן, שלעפּנדיק די בלעטער אויף דער ערד,

ווי מיידלעך, אויף די הענט און קני, די האָר אַריבער
פנימער צעשאָטן — טריקענען אין זון.

דער אמת וועגן אייז אוןביימער האָט זיך פריער
אַריינגעמישט, ווען כ'האָב געוואָלט נאָר זאָגן, אַז:
מיר איז ליבער, ווען אַ יינגל שווינגט בעראָזעס.
נאָכן גיין און קומען פון די קי פאַרנעמען,
ר'איז פון שטאָט צו ווייט, צו קענען לערנען בייזבאַל,
האָט ער דאָ פאַר זיך אַ שפּיל געפונען;
זומער, ווינטער — ס'איז אַ שפּיל אַליין צו שפּילן.
איינס נאָך איינס האָט ער געוווּנען טאַטנס ביימער —
ר'האָט צעוויגט זיי, אויף־און־אָפּ געבויגן,
ביז די שטייפקייט פון די שטאַמען איז פאַרשוווּנדן,
ס'איז קיין איינער נישט געבליבן צום באַזיגן.
ר'האָט געלערנט, וואָס געווען איז דאָרט צו לערנען:
ווי אַראָפּצולאָזן זיך מיט פאָרזיכט,
מיטאַמאָל דעם בוים אַראָפּ, נישט צווינגען;
לאַנגזאַם האָט ער זיך צום שפּיץ דערקליבן,
דאָרטן שטיין געבליבן גלייך און ווי מען מידט זיך
אָנצוגיסן פול אַ טאַס ביז אירע ברעגעס,
באַלאַנסירט ער זיך צום שפּרונג, די פיס פאָרויס
און מיט אַ פייף ציט ער מיט מיט זיך דעם שפּיץ פון בוים
און הוידעט זיך אַראָפּ, אַראָפּ ביז צו דער ערד.

איך בין אויך אַמאָל געווען אַ שווינגער פון
בעראָזעס און איך חלום נאָכאַמאָל צו ווערן.
ס'טרעפט, ווערסט מיד פון זוכעניש;
עס זעט דאָס לעבן אויס איין שטעגלאָזער וואַלד,
ס'פּנים ברענט פון שפּינוועבס — זיך אין דעם פאַרפלאָנטערט,
ס'וויינט דיין אויג, פון צווייגס אַ שאַרפן שטאָך, —
ווילט זיך דיר אַוועק, אַ ביסל פון דער ערד
און ווידער קומען, אָנצוהייבן דאָ פון ס'ניי.
דאָך וויל איך נישט, מיין פּאַטום זאָל מיך שלעכט פאַרשטיין

און נאָר אַ העלפט פון דעם, וואָס כ׳וויל — דערפילן, —
מיך טאָן אַ כאַפּ אַוועק — מיך נישט צוריק צו ברענגען.
ס׳איז די ערד דאָך פאַרט דאָס אָרט פאַר ליבע
און איך ווייס נישט, ווו קען בעסער זיין?
כ׳וואָלט וועלן גיין שווינגען אַ בעראַזע,
קלעטערן אַרויף אויף שוואַרצע צווייגן
פון אַ שנייאיק־ווייסן בוים, וואָס שטרעקט צום הימל,
הויך אַזוי, ווי נאָר ער קאָן מיך האַלטן;
דאַן, אַ בויג טאָן זיך — צוריק אויף דר׳ערד מיך שטעלן.
דאָס וואָלט גוט געווען — דאָס גיין און דאָס קומען.
ס׳קאָן ערגערס זיין, ווי שווינגען אַ בעראַזע.

# איצט פאַרמאַך די פענצטער

איצט פאַרמאַך די פענצטער,
זאָלן פעלדער שווייגן.
אויב איר, ביימער, מוזט —
הוידעט שטיל די צווייגן.
שוין נישטאָ קיין פייגל, —
טרעפט זיך, איינער זינגט נאָך,
איז עס מיין פאַרלוסט.

נאָך ווייט ביז זומפלאַנד גרינט,
ביז פרילינג פייגל קערן
זיך צוריק פון ווייט אַוועק.
און איצט פאַרמאַכט די פענצטער,
כ׳וויל דעם ווינט נישט הערן.
כ׳וועל פון דאַנען זען, ווי אַלץ
אין דרויסן זיך באַוועגט.

## לענגסטאָן היוז *)

(1902 —       )

# אַמעריקע

זאָל אַמעריקע ווידער זיין אַמעריקע,
זאָל עס זיין דער טרוים פון גאָר אַמאָל.
זאָל עס זיין דער פּיאָנער, וואָס זוכט זיין פרייהייט אום,
זיין היים אויף פלאַכן־פליין, אויף באַרג און טאָל.

(אַמעריקע, ביסט קיינמאָל נישט געווען אַמעריקע צו מיר!)

זיי, אַמעריקע, דעם טרוימערס אויסגעטרוימטער טרוים,
זיי דאָס לאַנד פון ליבע שטאַרק און גרויס,
וואָס ווייסט נישט פון קיין האַר, פון קעניגס קרוין,
פון הערשער־קלאַס, וואָס נאַרט ביי מענטשן זייער פרייהייט אויס.

(אָט דאָס איז קיינמאָל נישט געווען אַמעריקע צו מיר).

אָ, זיי דאָס לאַנד, ווו איינער בויגט נישט פאַרן צווייטן זיינע קני,
ווו פרייהייט שמייכלט נישט צו יענעם, וואָס איז רייך;
זאָל פרייהייט זיין ווי וואַסער־קוואַל, ווי זונען־גלי,
ווי פרישע לופט צום אָטעמען פאַר יעדן גלייך.

(פאַר מיר איז גלייכהייט דאָ נישטאָ — נאָר שווערע מי, —
נישטאָ קיין פרייהייט דאָ פאַר מיר, אין „לענד אָוו דהי פרי”).

* * *

זאָג, ווער ביסטו, וואָס דו מורמלסט אין דער פינצטער? זאָג!
און דו ווער ביסט, וואָס זופּסט פון פלאַש אין בלוילעכן פאַרטאָג?

איך בין דער ווייסער אָרעמאַן, וואָס אים קיין זאַך געהערט.
איך בין דאָס נעגער־פאָלק פון שקלאַפן־בייטש צעקאַרבט,

---

*) דריי לידער.

איך בין דער רויט־הויטיקער פֿאַרטריבן פֿון זיין ערד,
איך בין דער אימיגראַנט, וואָס קלאַמערט צו זיין האָפֿענונג
אין אַ וועלט־סיסטעם אַ נאַרישן, וואָס פֿוילט און שטאַרבט,
ווו שטאַרקער פּרעסט דעם שוואַכן אויף און ווערט אַליין פֿאַרצערט.

איך בין די יוגנט פֿול מיט קראַפֿט,
פֿאַרכישופֿט פֿון אַ וואָרט: „דערפֿאָלג", אַ וואָרט: „פּראָפֿיט",
אַ טאַנץ אַזאַ פֿון יאָג און פֿלי, פֿון כאַפּעניש און מאַכט —
פֿאַרכאַפּ די ערד פֿון אונטער יענעמס טריט,
פֿאַרכאַפּ דאָס גאָלד פֿאַר זיך, פֿאַרכאַפּ און האָב און האַלט עס צו!
פֿאַרכאַפּ פֿאַר זיך דעם לוין פֿון יענעמס שווייס און מי.

* * *

איך בין דער אַרבעטער, פֿאַרקויפֿט צו דער מאַשין,
איך בין דער פֿאַרמער, איך גיב דער ערד מיין שווייס.
איך בין דער נעגער, יעדערנס משרת — איך באַדין.
איך בין דאָס פֿאָלק, באַשיידן, הונגעריק און בייז.
דאָס בין איך דאָך דער, וואָס האָט געטרוימט
אין יענער אַלטער וועלט פֿון קעניג און פֿון קנעכט,
אַ חלום אויסגעחלומט שטאַרק און אמתדיק און עכט;
אַ ליד פֿון שוווּנג און קראַפֿט, וואָס גליט און זינגט
אין יעדן ציגל, אין יעדן שטיין, אין יעדער הרודע ערד,
דאָס האָבן מיר דיך אויפֿגעבויט, אַמעריקע, דו לאַנד!
אָ, דאָס האָב איך געזעגלט יענע ימען אומבאַקאַנט,
געזוכט אַן אָרט, וואָס האָב געהאָפֿט וועט זיין מיין היים;
דאָס בין איך דאָך דער, וואָס האָט פֿאַרלאָזן אירלאַנדס ברעג
און ענגלאַנדס לאָנקעס גרין, פּוילנס פּליינס און שאָף און פֿי,
פֿון אַפֿריקע אָוועקגעריסן מיט גוואַלט, געבראַכט אַהער
צו בויען דאָ: „דהי לענד אָוו דהי פֿרי".

* * *

אָ, זאָל אַמעריקע ווידער זיין אַמעריקע,
דאָס לאַנד, וואָס ס'איז נאָך קיינמאָל נישט געווען,

נאָר ווערן מוז עס סיי ווי סיי דאָס לאַנד, ווו זיין וועט יעדער פריי.
דאָס לאַנד, אָ, אונדזער לאַנד, דאָס לאַנד פון ווייסן מאַן,
פון ייד און נעגער — מיר אַלע האָבן עס געמאַכט
מיט אונדזער שווייס און בלוט, דורך אונדזער גלויבן און פאַרדראָס,
דורך אונדזער האַנט ביים אַקער און ביים אייזן־גאָס
וועט אונדזער חלום ווערן וואָר.

## אַ פ ר י ק ע

שלאָפנדיקער ריז,
האָסט אַ צייט גערוט.
איצט זע איך דעם דונער
און דעם בליץ
אין דיין שמייכל.
איצט זע איך דעם שטורעם־וואָלקן
אין דיינע אויפוואַכנדיקע אויגן.

דעם דונער,
דעם יונגן וואונדער,
וואָס קוקט אַרויס פאַרחידושט.
דיין יעדער טראָט אַנטפּלעקט
דעם נייעם שפּאַן.

## דזשאָרדזשיאַ, ווען נאַכט פֿאַלט צו

עס בלאָזט אַ ווינט אין דזשאָרדזשיאַ פֿאַרנאַכט,
עס וויינט און וויינט און וויינט
די איינזאַמקייט, וואָס פֿינצטערניש באַהאַלט
אין אַ דזשאָרדזשיאַ פֿאַרנאַכט.

עס ווייזט זיך בלוט אַמאָל אין דזשאָרדזשיאַ פֿאַרנאַכט,
ס'האָט ווער געלאָזט אַ פֿאַס פֿון האַס,
וואָס טריפֿט רויט אין דזשאָרדזשיאַ פֿאַרנאַכט,
וועמענס בלוט? יעדנס בלוט!

עס בלאָזט אַ ווינט אין דזשאָרדזשיאַ פֿאַרנאַכט.
ער טראָגט דעם זאָמען — יאַגדעס ביטערע
און פֿאַרזייט אין בלוטיק־רויטן זון־פֿאַרגאַנג.
עס בלאָזט אַ ווינט אין דזשאָרדזשיאַ פֿאַרנאַכט,

וואָס וויינט און וויינט און וויינט
די איינזאַמקייט, וואָס פֿינצטערניש באַהאַלט.

אַלפֿרעד קרעימבאָרג

## דאָס רייכע פּאָרל דזשעק און דזשיל

(פֿראַגמענט פֿון: „אַמעריקע, אַמעריקע" *)

וואָס טראָגט זיך פֿאַר מיין בליק פֿאַרביי,
אַמעריקע, מיין לאַנד?
יינגל און מיידל, אין רייכן געקליידט —
עס פֿלאַקערט צום הימל אַרויף זייער פֿרייד;
פֿון יוגנט פֿאַרשיכורט, פֿון פּוסטקייט — געיאָגט,

*) די איבערזעצונג פֿון קרעימבאָרגס דראַמאַטישע פּאָעמע אין 3 טיילן איז געווען געדרוקט אין בוך: „דאָ איז מיין היים".

פאַרבלענדט פונעם רייכטום, וואָס דער טאַטע פאַרמאָגט,
בלאַנקט דער לימוזין און גלאַנצט,
דרייט זיך ערד און הימל אין אַ טאַנץ,
זינגט דאָס האַרץ פאַר פרייד און לאַכט,
שיינט די זון פאַר זיי, ביינאַכט...

וואָס גייט זיי אָן מיין זאָרג, מיין וויי?
וואָס פאַר אַ ווערט האָסטו ביי זיי —
אָ, לאַנד, מיין לאַנד?
ווי לאַנג עס איז אין אויטאָ דאָ
געטראַנק און אַ קוש, געזאַנג און אַ קוש,
אַ קוש און אַ שפּיל,
אַ מינוט אַ מייל, אַ ליבע פאַר אַ ווייל, —
לייב מיט לייב, אין ווילדן פלי —

אויבן ער און אונטן זי,
דרייט זיך רוים און ערד און תהום
און ס׳איז אין יענער שעה
פאַר זיי קיין טויט נישטאָ!
ע־עך, סאַראַ צייט־פאַרטרייב;
יינגל־לייב און מיידל־ווייב,
הפקר־„ראַיד״, הפקר־צייט, הפקר־ווייט, „אויטאָ־ראַיד״!
פאַר קיינעם נישט געזאָרגט, און קיינעם נישט באַדויערט,
— „צום טייוול די מאַמע, ווער שרעקט זיך פאַר איר?
דער טאַטע וועט באַצאָלן, ער איז אַ באַנקיר״.

# וועגן דער אַמעריקאַנער באַלאַדע און פאָלקס־ליד

## (עסיי פון **ל. מילער**)

„אַ פאָלקס־ליד פאַרפאַסט זיך אַליין".

(די ברידער גרים)

**פאָלקלאָר — דאָס געזונגענע ליד, די באַלאַדע, מעשיות, פאַנטאַזיעס און לעגענדעס, שפּראַך־דיאַלעקט, טראַדיציעס און מנהגים — דאָס אַלץ שטעלט מיט זיך פאָר די פאָלקס־ליטעראַטור** שבעל־פּה.

**אין אַ באַדייטנדיקער מאָס דערגרייכן טיילן פון די שאַפונגען אַ מדרגה פון קינסטלערישקייט (די באַלאַדע, דאָס ליד, די מעשה, הומאָר). אינגאַנצן גענומען שטעלט דער פאָלקלאָר מיט זיך פאָר אַ נישט־פלאַנירטע, נישט־פּאָלירטע, נישט־באַאַרבעטע, נישט־באַוווּסטזיניק־געשאַפענע ליטעראַטור, וואָס שאַפט זיך אַליין דירעקט פון דעם פאָלקס־לעבן, ווי גראָז, ווי פעלד־בלומען, וואָס וואַקסן אַרויס פון דער ערד, נישט פלאַנירט, נישט פאַרזייט און נישט באַאַרבעט („עס פאַרפאַסט זיך אַליין"...). אַזוי זיינען די שאַפונגען אַרויסגעוואַקסן פון דעם לעבן פון די אָרעמע, שווער־אַרבעטנדיקע מאַסן, וועלכע האָבן על־פּי־כלל נישט געקענט לייענען אָדער שרייבן.**

**אין גאַנג פון טאָג־טעגלעכן לעבן האָבן זיך אָט די פאָלקס־שאַפונגען איבערגעגעבן פון מויל צו מויל, פון דור צו דור און אין פאַרשידענע צייטן דערגרייכט צו די וויטסטע טיילן פון לאַנד, וווּ נאָר עס האָבן זיך געפונען פּראַצנדיקע מענטשן.**

**אין פאָלק זיינען צעוואָרפן טאַלאַנטן אויף אַלע געביטן: דער טאַג־לאַנטפולער שאַפט (דאָס פאָלק רופט עס „טראַכט אויס"), אַ צווייטער**

פֿאַרגעדענקט עס, ענדערט עפּעס און גיט עפּעס צו פֿון זיך אַליין, פֿון אייגענעם געפֿיל און געמיט, פֿון אייגענער איבערלעבונג — ווער מיט איינגעבוירענעם טאַלאַנט, ווער אינספּירירט פֿון יענעמס טאַלאַנט, נעמט אויף די שאַפֿונג, ווי עס וואָלט געווען זיין אייגענע און ער ברענגט עס צו אַנדערע. אַזוי האָבן זיך געשאַפֿן כלערליי ווערסיעס פֿון איין־און־דעם־זעלביקן ליד, פֿון דער זעלביקער באַלאַדע אָדער מעשה, וואָס טאַקע צוליב די שטענדיקע ענדערונגען און ביישטייערונגען זיינען זיי אויפֿגעהאַלטן געוואָרן פֿריש, מיט דעם לעבעדיקן אָטעם פֿון דעם פֿאָלקס־שאַפֿונגס־כּוח — פֿון קיינעם נישט פֿאַרשריבן, פֿון קיינעם נישט געחתמעט. דאָס פֿאָלק שאַפֿט כסדר מאַטעריעלע און גייסטיקע אוצרות און חתמעט זיך נישט אונטער...

„מיין נאָמען איז נישט וויכטיק — רוף איך אים נישט אָן".

הייבט זיך אָן איינע פֿון דער גרויסער צאָל קאָובאָי־באַלאַדעס.
אַ נעגער־ליד פֿאַרענדיקט זיך מיט די שורות:

אויב עמיצער פֿרעגט דיך:
ווער איז ער, וואָס האָט עס געזונגען,
זאָג אים: ס'איז געווען אַ טונקל־הויטיקער,
אַ ניגער, אָין אַ פּאָר בלויע לייוונטענע הויזן,
זוכנדיק אַ היים, נאָר זוכנדיק אַ היים.

אַרום דער ליטעראַטור שבעל־פּה איז געשאַפֿן געוואָרן אַ רייכע ליטעראַטור שבכתב. יעדער איינער פֿון די פֿאָלקלאָר־געביטן האָט זיך זיינע ערנסטע פֿאָרשער, זאַמלער, וואָס באַשטייען פֿון טאַלאַנטפֿולע דיכטער, שריפֿטשטעלער, לערער, קולטור־מענטשן — פֿאָלקלאָריסטן, וואָס האָבן עס געמאַכט פֿאַר זייער לעבנס־באַרוף, אָפּגעבנדיק זייער מי און צייט אויפֿצוקלייבן די אַלע פֿאָלקס־שאַפֿונגען, זיי שטודירן, אָרגאַנזירן, און זיי פֿאַרעפֿנטלעכן, נישט בלויז דורך זשורנאַלן, ביכער און פֿאַרשידענע פֿאָלקלאָר־אויסגאַבעס, נאָר אויך דורך העלפֿן גרינדן פֿאָלקלאָר־אָרגאַניזאַציעס, געזאַנג־פֿאַראיינען, כאָרן, אוניווערסיטעט־קורסן איבער פֿאָלקלאָר, כּדי צו באַהעפֿטן די אָנגעזאַמלטע אוצרות פֿון פֿאָלקס־שאַפֿן מיטן איצט־

צייטיקן, געשולטן לייענער און מיט די אויפקומענדיקע, טאַלאַנטפולע דיכטער, דערציילער און מוזיקער, אַז עס זאָל זיי דינען ווי אַ באַזע פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון אַ געזונטער ליטעראַטור, שפּראַך און מוזיק, וואָס זאָל נישט זיין דערווייטערט פון פאָלק.

אויף וויפל די אַרבעט פון פאָלקלאָריסטן איז אַ ברייט־פאַרשפּרייטע איבער כמעט אַלע שטאַטן פון אַמעריקע, דערציילט דער פאָלקלאָר־קע־נער, פאָרשער און זאַמלער דזשאָן א. לאָמאַקס, אַז איין פאָלקלאָריסט — ראָבערט וו. גאָרדאָן האָט 300 ווערסיעס פון דער פאָלקס־באַלאַדע „פרענ־קי און אַלבערט" און, אַז די פאַרשידענע ווערסיעס פון דער באַוווסטער באַלאַדע „דער טשישהאָלם־שטעג" באַשטייט פון טויזנט פערזן.

פאַרקערט, די באַלאַדע פון דעם „איריע קאַנאַל" איז צונויפגעשטעלט פון 6 איינציקע פערזן, וואָס זיינען אין פאַרשידענע צייטן געפונען גע־וואָרן אין 5 באַזונדערע שטאַטן, מיט דער מוזיק און דעם רעפריין צום זינגען — אַזוי ווי די באַלאַדע איז געזונגען געוואָרן אַרום באַפאַלאָ, אין די יאָרן 1871 — 1877.

דער מענטש, אין זיין עקשנותדיקן גאַנג בייצוקומען די איבערמענטש־לעכע שוועריקייטן; דער מענטש מיט אַלע זיינע בראַווע געוואַגטקייטן, איינגעבוירענעם ווידערשטאַנד און אויסדויער, איז מענטש פון פלייש און בלוט. ווי פאַרהאַרטעוועט און צייטנווייז חיהש־ברוטאַל ער זאָל נישט ווערן אונטער געוויסע באַדינגונגען — איז ער אַן אינסטרומענט פון נאַ־טירלעכע עמאָציעס — ער בענקט, ער וויל קריגן און צוריקגעבן ליבע, ער שרעקט זיך פאַרן טויט, זייענדיק אַרומגערינגלט פון געפאַרן אויף יעדן טראָט, ער לעבט איבער אַנטוישונגען און פרייט זיך מיט דערפאָלגן; ער וויינט, ער לאַכט, ער זינגט און דערציילט — ער האָט געהאַט אַ סך צו דערציילן!...

אַזוי איז געשאַפן געוואָרן די אַמעריקאַנער פאָלקס־באַלאַדע, דאָס פאָלקס־ליד, וואָס איז די אמתע געשיכטע פון אַמעריקע — געאָגראַפיש, עקאָנאָמיש, סאָציאַל און קולטורעל, לויט די פאַרשידענע פאַזן און פע־ריאָדן אין דער אַנטוויקלונג פונעם לאַנד.

דורך דעם ליד, דורך דער באַלאַדע דערציילט און זינגט דאָס אַמע־ריקאַנער פאָלק די געשיכטע פון אַמעריקע. דורכן אייגענעם לייב און לעבן, דורך דעם אייגענעם שוויס און בלוט פון איבערמענטשלעכע אי־בערלעבונגען, פון פאַלן און שטייגן אין פאַרשידענע פעריאָדן, פון דער

פיאָנערן־צייט אָן ביזן סוף 19־טן יאָרהונדערט — דערציילט און זינגט דאָס פאָלק — די געשיכטע פון אַמעריקע.

* * *

די באַלאַדע־פאָרם, וועלכע איז אַהער אַריבערגעבראַכט געוואָרן פון ענגלאַנד, איז צוגענגלעך פאַרן פאָלקס־אויסדרוק אין ליד און געזאַנג. דער נישט־קאָמפּליצירטער פיר־שורהדיקער (אָמאָל זעקס־ און אַכט־שורה־דיקער) פערז, דער דערציילערישער אינהאַלט און דער לירישער אויס־דרוק און טאָן פון דעם דערציילטן, זיינען דריי הויפּט־כללים פון דער באַלאַדע. צו דעם קומט צו דאָס, וואָס דער ריטם גיט זיך גרינג פאַר מעלאָדיעס צום זינגען, אָן אָדער מיט לייכטער באַגלייטונג פון פיאַנאָ, גיטאַרע אָדער באַנדזשאָ.

דער אַמעריקאַנער פאָלקלאָר איז דער יינגסטער אין פאַרגלייך מיטן לאָר פון אַנדערע פעלקער — דער יינגסטער, אָבער זייער רייך און פאַר־שידנאַרטיק. ער אונטערשיידט זיך פון דעם לאָר פון אַנדערע פעלקער אין אייראָפּע און אַזיע מיט דעם, וואָס ער איז כמעט פריי פון רעליגיעזע טעמעס, מיטאָלאָגישע געטער, העלדן און לעגענדעס; פריי פון שדים און רוחות, דאָמאָוויקעס, שרייטעלעך, קעניגן און קעניגינס, פּרינצן און פּרינ־צעסינס, מיט וועלכע דער פאָלקלאָר אין אַנדערע לענדער איז אָנגעפּי־קעוועט.

די לעגענדע, דער העלד, פון וועלכן דאָס פאָלק זינגט אין דער אַמע־ריקאַנער באַלאַדע, איז דער מענטש פון פיזישער קראַפט, קערפּערלעכן כוח, אויסדויער און ווידערשטאַנד, אין קאַמף צו באַזיגן די ווילדע נאַ־טור־כוחות אין דער נייער וועלט, וואָס הייסט אַמעריקע.

אין דער באַוווסטער אַמעריקאַנער פאָלקס־באַלאַדע „דזשאָן הענרי" דערציילט זיך וועגן אַ נעגער־אַרבעטער, וואָס האָט באַוויזן ריזן־כוח מיט זיין לעגענדאַרן שטאָלענעם האַמער, ביים לייגן די רעלסן און זיי שמידן צו די שפּאַלן. איבער אומגעהויערע שטרעקעס, דורך טאָלן און בערג זיינען די רעלסן געלייגט געוואָרן, צוגרייטנדיק די ליניעס פאַרן „אייזערנעם פערד", ווי דאָס פאָלק האָט אָנגערופן דעם זיך באַוועגנדיקן לאָקאָמאָטיוו.

די לעגענדע פון דזשאָן הענריס העלדישקייט הויבט זיך אָן מיט זיין

צען־פונטיקן האַמער און דערגייט פון ווערסיע צו ווערסיע ביז צוויי צוואַנציק־פונטיקע האַמערס, אַ האַמער אין יעדער האַנט, קלאַפּנדיק מיט ביידע הענט אין דער זעלביקער צייט...

ווען עס איז דערפונדן געוואָרן דער מאַשין־דריל, גייט די לעגענדע, האָט דזשאָן הענרי זיך אָפּגעזאָגט צו אַרבעטן מיט דער מאַשין און האָט באַוויזן מיט זיינע האַמערס, פון וועלכע עס האָט זיך געטראָגן דאָס גע־קלאַנג „איבער די בערג און דורך די טונעלן, פאַר מיילן אַרום", צו גיין אין אַ פאַרמעסט מיט דער מאַשין, און ער האָט דעם פאַרמעסט געוווּנען. דער סוף איז אָבער געווען, אַז ער איז געפאַלן מיט די האַמערס טויט ביי דער אַרבעט... צו זיין קבר איז מען געקומען פון „מזרח און מערב", און דאָס פאָלק האָט באַוווּנדערט מיט ליבע „דזשאָן הענרין, דעם שמי־דער פון שטאָלענעם רעלס".

דאָ זיינען צוויי פערזן פון צוויי באַזונדערע, פּאָפּולערע דזשאָן הענ־ריס באַלאַדעס:

יעדן טאָג אין בלויען פרימאָרגן,
ווען די בלויע פייגל הייבן אָן זינגען,
קאָן מען הערן פאַר מיילן און מיילן
דזשאָן הענריס האַמער קלינגען,
קאָן מען הערן דזשאָן הענריס האַמער קלינגען.

די צווייטע באַלאַדע איז וועגן דזשאָן הענריס טויט:

זיי האָבן דזשאָן הענרין געבראַכט צום בית־עולם,
אים דאָרטן באַגראָבן אין זאַמדיקער ערד.
עס יאָגן די באַנען פאַרביי — אין רוישן זיך הערט:
דזשאָן הענרי, געשמידט האָט דיין האַמער דעם רעלס צו דער ערד.

אַזוי ווערט באַזונגען אין דער אַמעריקאַנער פאָלקס־באַלאַדע די גבורה פון דעם „קאָר־פאַנטשער", וועלכער נעמט אָן דעם אָקס ביי די הערנער און לייגט אים אַוועק; דער כוח און אויסדויער פון דעם „וואַלד־העקער", שווינגענדיק זיין האַק אין די געדיכטע וועלדער ביי די טייכן; אַזוי ווערט באַזונגען דער „שענטי־באַי", וואָס פאַרמעסט זיך מיט דעם

מוראַדיקן כוח פון בערג־קלעצער, צונויפגעטריבענע פון שטורעמדיקע כוואַליעס ביי די ברעגן פון די טייכן, ווו ער וואַגט, און שטעלט איין זיין לעבן — און „שענטי־באָיס" האָבן געוואַגט, און נישט איינער פון זיי האָט געפונען זיין קבר אין די שטורעמדיקע וואַסערן פון די טייכן:

די רווישיקע כוואַליעס, זיי האָבן געוואָרפן
די קלעצער פון איין ברעג צום צווייטן,
און ס'האָבן די קלעצער זיין קערפּער, דעם טויטן,
געקייקלט, געוואָרפן פון איין ברעג צום צווייטן.
(פון דער באַלאַדע: „דזשעימס וואלאנד").

פון דער צווייטער זייט, פאַרנעמט אַ וויכטיק אָרט אין דער באַלאַדע, אין דעם פאָלקס־ליד, די איינזאַמקייט, די בענקשאַפט און שרעק, פאַר־לוירן צו ווערן ערגעץ אין די „איינזאַמע פּרעיריס", פּליינען, מדבריות, וועלדער און טייכן, ווייט פון אייגענע, געליבטע און נאָענטע — וואָס דאָס איז די צווייטע זייט פון דער מענטשלעכער העלדישקייט... אין איין באַלאַדע בעט זיך אַ שטאַרבנדיקער „קאָובאָי" ביי זיינע קאַמעראַדן:

באַגראָבט מיך נישט אין איינזאַמער פּרעירי,
ווו קאַיאָטן וועלן וואָיען איבער מיר.

עס איז אינטערעסאַנט, אַז דווקא דער אונדז אַלעמען באַקאַנטער קאָובאָי (פון די פילמען), דער העלדישער, דער געוואַגטער יונג אויפן ווילדן פערד, איז דער, וואָס האָט אָפטער געזונגען און אפנים געפילט אָט די שרעק און איינזאַמקייט — די מורא באַגראָבן צו ווערן ערגעץ אין דער וויסטעניש, ווייט פון אייגענע.

פאַר דעם קאָובאָי, דעם יונגן בחור, האָט די אַרבעט אין אַ „רענטש" ביי גרויסע סטאַדעס קי, פערד, אָקסן אָדער בופלאָקסן געהאַט אַ גרויסע צוציאונגס־קראַפט. עס האָט געמיינט: רייטן אויף אַ פערד און פירן, אַזוי־צו־זאָגן, אַ „ווילד" און „פריי" לעבן. האָט ער איבערגעלאָזט די היים, טאַטע־מאַמע, אַ געליבטע און איז אַוועק זוכן דאָס ראָמאַנטישע, דאָס אַנ־דערשדיקע, דאָס בראַווע, געוואַגטע לעבן (און פאַרדינען עפעס אויף זעלבסט־דערהאַלטונג).

אין דערווירקלעכקייט האָט דער קאָובאָי געקראָגן זייער ווינציק באַצאָלט פאַר לאַנגע אַרבעט־טעג און קורצע נעכט פון רו. שטענדיק אויפן פערד, אָפט אויך דורך די נעכט, פירנדיק גרויסע סטאַדעס פי אויף לאַנגע שטרעקעס, דורך ווילדע פּרעיריס, אין היצן, אָדער רעגן און שנייען. דאָס ראָמאַנטישע האָט זיך אויסגעוועפּט און ס'איז געבליבן די איינזאַמקייט און די בענקשאַפט:

עס איז געווען אין אַנהויב יאָר, ווען כ'האָב
קיין מעקסיקאָ די אָקסן געפירט מיטן שליאַך,
דורך גליטש און שניי — אַן איינזאַמער גאַנג.
(„דער שליאַך קיין מעקסיקאָ").

און וועלכע זיינען געווען די פאַרדינסטן פון דעם קאָובאָי, דערציילן אַ פּאָר שורות אין דער באַלאַדע „דער לאַנגער שטערן־שליאַך":

איך בין צום באָס געגאַנגען „ציען" מיין „פּעי",
האָט ער גערעכנט — גערעכנט —
בין איך נאָך אין חוב אים געבליבן אַ דאָלאַר צי צוויי.

דאָס „רעכענען" איז באַשטאַנען אין דעם שטענדיקן אַרונטעררעכענען, וואָס דער קאָובאָי האָט באַקומען פאָרויס, טאָקע צו קויפן די „ראָמאַנטישע" קליידער־אויסשטאַטונג מיט אַלע נויטיקע קאָובאָי־אויסערלעכקייטן, וואָס זיינען געווען אַזוי אָנציענדיק...

אין דעם פּרט פון „רעכענען" איז דער קאָובאָי נישט געווען קיין אויסנאַם. ס'איז געווען די הפקר־צייט פון „לית דין ולית דין" איבער דער לענג און דער ברייט פון דער „זיך" בויענדיקער אַמעריקע...

אָפענע גזלה און שווינדל איז אָנגעווענדט געוואָרן פון די באַן־מאַגנאַטן, ווי פון די „רענדזשערס" (פי־הענדלער). די קוילן־גרובן־אייגנטימער זיינען נישט געווען מער יושרדיק ווי די ברוטאַלע טראַנספּאָרטירער פון געהילצן.

דורך הונדערטער באַלאַדעס גייט דורך אַ וויי־געשריי פון אומבאַהאָלפנקייט קעגן אומרעכט, וואָס ס'איז באַגאַנגען געוואָרן קעגן טויזנטער יונגע, שווער־אַרבעטנדיקע מענטשן ווייט פון זייערע היימען, וווּ די איינציקע „געזעלשאַפטלעכע" אינסטיטוציע איז געווען דער שענק...

אין דער באַלאַדע: „פּירנדיק קלעצער אויפן פּלאַוער" קומט אַ מאַ־מע אין די פאַרנאַכטן צום ברעג פון טייך, מיט דער האָפענונג צו טרעפן איר זון, איר דזשאָנען, „דעם טאַטנס האָפענונג" און איר אייגענע „אייג־ציקע טרייסט אין לעבן" — זיך צוריקקערנדיק אַהיים נאָך חדשים פון אַוועקזיין, אַרבעטנדיק אויפן טייך פּלאַוער אַלס „שענטי־באָי".

זי דערציילט, ווי זי האָט זיך געבעטן ביים זון, ער זאָל נישט פאַר־לאָזן די היים און אים געוואָרנט:

„זיי וועלן דיר קיינמאָל נישט באַצאָלן".

איין אָוונט איז דער זון אָנגעקומען צוריק, „מיט אַ שיפל, אַראָפּ דעם שטילן שטראָם". ער האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט זיין מאַמען און דאָס ערשטע, וואָס ער זאָגט, איז:

„מאַמע, טייערע, זיי האָבן מיר נישט באַצאָלט"...

דער „זיי" קען גיין אויף דער גאַנצער באַנדע רויב־באַראָנען פון יענע צייטן (און פון אַלע צייטן, ביז היינטיקן טאָג...).

דער אמת איז, אַז ביזן דריטן צענדליק פון אונדזער יאָרהונדערט האָבן נאָך די אַרבעטער אין די שטאָל־גיסערייען, קוילן־גרובן, אויטאָמאָ־ביל־פאַבריקן און אַנדערע, באַקומען זייערע „שכירות" אין דער פאָרם פון „חשבונות": „רענט, גראָסעריעס, בייטראָג צו דער קירך, על החשבון אין שענק" און ענלעכעס. אַזוי, אַז ווען עס איז געקומען צום „רעכענען", זיינען די אַרבעטער שטענדיק געבליבן שולדיק די באַלעבאַטים...

* * *

צוויי קאַטעגאָריעס אַמעריקאַנער פאָלקס־באַלאַדעס צייכענען זיך אויס מיט אַ באַזונדער פיינעם, ליריש־פּאָעטישן טאָן, וואָס ברענגט זיי נעענטער צו דער אַלגעמיינער פּאָעזיע, — דאָס זיינען די קאָובאָי־באַלאַ־דעס און די ליבעס־לידער און באַלאַדעס.

די יוגנט, ריכטיקער, די בחורים, כדי צו קענען פאַרדינען, האָבן גע־מוזט פאַרלאָזן די היימען און זוכן אַרבעט אין ווייטע, נישט־באַוווינטע

געגנטן, ווו דער איינציקער געזעלשאַפטלעכער צענטער איז געווען דער שענק.

אַזוי זיינען די בחורים און מיידלעך געווען צעטיילט, די גרעסטע צאָל פון זיי פאַרליבטע פּאָרן. אָט דאָס צעשיידט זיין, דאָס וואַרטן און בענקען, און דער עיקר דער פּראָצעס פון שיידן זיך, ווען דער געליבטער האָט צוגעזאָגט וואָס־גיכער צוריקקומען און די געליבטע האָט צוגעזאָגט צו וואַרטן „אפילו אייביק" און „אייביק בלייבן געטריי" — דאָס איז די טעמע פון אַ גאַנץ באַדייטנדיקן טייל ליבעס־באַלאַדעס, און די מערסטע פון די באַלאַדעס זיינען אויסגעהאַלטן ליריש־פּאָעטיש און עס ציטערט אַרויס פון דעם געזאַנג אַ דינער ליבעס־ווייַ און שטילער טרויער.

אַ זעלטענער מוסטער פון דעם זשאַנער ליבעס־באַלאַדעס איז די באַלאַדע „ער איז אַוועקגעגאַנגען", וואָס הויבט זיך אָן מיט דער שורה: „איך גיי אַוועק אויף נאָר אַ קורצער צייט", און ער פאַרזיכערט דער געליבטער: „אָבער איך וועל קומען צוריק אפילו פון צען טויזנט מייל ווייט". די געליבטע חזרט איבער דעם צוזאָג ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן פון בענקען און וואַרטן... זי זעט „ווי די טויבן אויפן באַרג פּאָרן זיך אין ליבע", פרעגט זי זיך: „פאַרוואָס נישט איך מיט מיין געליבטן?". זי זינגט וועגן גיין אַהין אויף יענעם באַרג, „ווו קיינער וועט נישט זען און נישט שטערן איר געוויין".

די ליבעס־באַלאַדעס דערציילן פון מיידלעך, וואָס פילן זיך נישט אונטערטעניק צו טאַטע־מאַמע, אָדער צום געליבטן. די ליבע איז ביי זיי איבער געלט, איבער אויטאָריטעט פון טאַטע־מאַמע און דער מין יחוס איז אינגאַנצן נישטאָ אין דעם אַמעריקאַנער פאָלקס־ליד.

קומט אַ קאָובאָי צורייטן אויף זיין פערדל, פון „רעד ריווער־ברעג" און ווענדט זיך צו זיין געליבטן מיידל:

„דו ווילסט זיין מיין כלה? ס'איז קליין מיין פאַרמעג —
— עס מאַכט נישט. ביסט שיין און דיך האָב איך ליב — — — —
איך וויל זיין דיין כלה ביים „רעד ריווער־ברעג".

דער טאַטע זאָגט ביין און זי פאָרט אַוועק מיט איר געליבטן צום „רעד ריווער־ברעג".

צו אַ מאַמען, וועלכע איז קעגן דעם, אַז איר טאָכטער זאָל חתונה האָבן פאַר אַ געמבלער, זינגט די טאָכטער:

„אָ, מאַמע, טייערע מאַמע, אויב איך וועל ווען־עס־איז קומען
צוריק, וועל איך קומען מיטן געמבלער צוזאַמען“...

אָבער איך ווייס נישט פון קיין גלייכן, אין שיינקייט און דראַמאַטי־שער פּאָעטישקייט, צווישן פאָלקס־באַלאַדעס, ווי דאָס איז די אַמעריקאַ־נער באַלאַדע: „די שיינע באַרבאַראַ עלען“ — די שטאָלצע, באַליידיקטע פרוי, וואָס לאָזט זיך נישט אָנרירן פון איר שטאַרבנדיקן געליבטן, אים וואַרפנדיק אין פּנים:

„געדענקסט, סוויט ווילי׳אַמס, ווי דו האָסט
צום מיידל מיט די קרעלן
געטרונקען פריילעך טאָסט נאָך טאָסט,
נאָר נישט צו באַרב׳ראַ עלען“.

און גייענדיק אין עטלעכע טעג אַרום פון זיין לוויה, טראַכט זי:

„סוויט ווילי׳אַמס, ביסט געשטאָרבן היינט
און איך וועל שטאַרבן מאָרגן“.

פון אַן אַנדער מין רייכקייט אין ריטם און פאָרם, אָבער דאָך ענלעך אין ראָמאַנטישער שיינקייט, איז די באַלאַדע: „אַ קאָוּבאָיס געבעט“. ביי־דע באַלאַדעס דערמאָנען, ווי מיר דאַכט זיך, אין דעם ריטם און געזאַנג פון עדגאַר עלען פּאָוס לידער.

* * *

אַ גאַר גרויסער טייל פון די לידער, באַלאַדעס און מעשיות אין דעם אַמעריקאַנער פאָלקלאָר זיינען אויף די טעמעס פון דעספּעראַדאָס, ווי למשל „בילי די קיד“, וועמענס רום עס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס צו 12 יאָר האָט ער שוין דערשאָסן אַ מענטשן.

אָדער דעם געמבלער־סימבאָל „דזשעק אָוו דאַימאָנדס“ און בכלל גענגסטער און שיסער, וועלכע וואָלטן ערשט באַדאַרפט ווערן לערן־יינגלעך ביי אונדזערע איצטיקע גענגסטערס, געמבלערס און 12־יאָריקע דעלינקווינטס, וועלכע שפּאַצירן אַרום פאַר יאָרן און יאָרן אין אונדזערע טעלעוויזיע־פּראָגראַמען און לעכערן דעם קאָפּ מיט זייערע שיסערייען — — — פון דער טעלעוויזיע קומען זיי אַרונטער אין די גאַסן פון אונ־דזערע שטעט...

די מערסטע פון דעם מין באַלאַדעס זיינען פון אַ קנאַפּן פּאַטישן ווערט, מיטן אויסנאַם פון אַ ריי ווערסיעס לידער און באַלאַדעס וועגן דעם זעלטענעם, פאָלק־באַליבטן דעספּעראַדאָ דזשעסי דזשעימס, וועלכער „האָט געראַנבעט, כדי דאָס צעטיילן צווישן די אָרעמע:

„דזשעסי געווען איז פון די אָרעמע אַ פריינט,
ער האָט נישט געקענט זען איינעם ליידן, —
מיט זיין ברודער פרענק האָט ער באַרויבט אַ שיקאַגער באַנק
און אָפּגעשטעלט די גלענדעיל־באַן אין מיטן גאַנג".

און וועמענס:

„קליין ווייבל האָט נאָך זיין טויט מיט נאָדל־פאָדעם איר ברויט פאַרדינט".

פאַראַן אַ גרויסע צאָל ווערסיעס, וואָס באַזינגען מיט ליבע און פאַר־ערונג די העלדישע מעשים, וואָס דזשעסי איז באַגאַנגען צוליב די אָרע־מע. און דער, וואָס האָט דזשעסין דערשאָסן, ווערט פון פאָלק אין די באַלאַדעס אָנגערופן „פייגלינג און פאַררעטער".
אויף דער טעמע „דזשעסי דזשעימס" זיינען אין פאַרשידענע צייטן געשאַפן געוואָרן, אויף וויפל איך געדענק, אינטערעסאַנטע פילמען.
צווישן די רויבער־באַראָנען און דעספּעראַדאָס פון איין זייט און די שווער־אַרבעטנדיקע, וואָס האָבן דורך די גרעסטע לעבנס־געפאַרן געבויט דאָס לאַנד — האָט זיך אַרומגעפּלאָנטערט אינמיטן דער „טרעמפּ", אויף וועמען ס'איז חל דאָס ווערטל: „די שווערסטע אַרבעט איז אַרומצוגיין ליידיק"... זייערס אַ ליד ברענגט אָפט אַ שמייכל אויף די ליפּן, ווי:

„פאַרוואָס, אָ, קאָן איך נישט אַרבעטן,
ווי אַלע מענטשן טוען?
ניין, איך קאָן נישט אַרבעטן
איבער דעם הימל דעם בלאָען"...

אַזאַ ליד מאַכט דעם איינדרוק פון אַ חן־פינטל אויפן פּנים פון יע־נער צייט...

* * *

דאָס נעגער־ליד טיילט זיך אָפּ אינגאַנצן פון דעם אַלגעמיינעם אַמע־ריקאַנער פאָלקלאָר, — מען קען זאָגן — אין אַלע פּרטים פון פאָלקס־שאַפן.

דער ספּיריטואַל, ליבעס־ליד, לידער פון אַרבעט, טורמע און „טשעינ־גענג" — טיילן זיך אָפּ מיט זייער אייגנאַרט פון טעמע, פאָרם, ריטם; צימצום פון ווערטער, וואָס הזרן זיך איבער ביז זיי ווערן איינגאַנצן ריטם און געזאַנג — אַזאַ געזאַנג, וואָס טראָגט אין זיך אַ מאָראַל, אַ כוח פון טרויער און פּראָטעסט; אַ קלאָגן און אָנקלאָגן, וואָס הייבט זיך אויף אי־בער די קעפּ פון די פייניקער און באַליידיקער.

די „טשעינגענג"־לידער באַשטייען אָפט פון איינציקע קלאַנגען — אַ זיפץ, אַ קרעכץ, אַן אוי — מיטן ווייסן ברוטאַלן מערדער און פייניקער האָט דאָס וואָרט קיין באַדייטונג נישט. ער, דער נעגער, דאַרף נישט אַזוי דאָס וואָרט, ווי דעם ריטם פאַר זיך אַליין, וואָס זאָל אים דערמאָנען, אַז ער איז דאָ, — אונטער די שווידערלעכסטע באַדינגונגען, אָבער ער איז דאָ...

אין די איינציקע ווערטער, וואָס ווערן אַזויפיל מאָל איבערגעחזרט אין דעם אייגנאַרטיקן ריטם פון אַ ספּיריטואַל, הילט זיך דער נעגער אַרום, ווי מיט אַן אַסבעסטאָס, קעגן דעם רשעות, וואָס ווערט באַגאַנגען קעגן אים פון די ווייסע, טעמפּע, ברוטאַלע הערשער.

אַ ביטערע איראָניע הערט זיך אין אַלע נעגער־געזאַנגען. אפילו אין אַ ליבעס־ליד פון עטלעכע שורות זאָגט אַ נעגער צו זיין געליבטער:

„שיק מיר אַ בריוול,
שיק עס דורך פּאָסט,
אויף מיין אַדרעס —
באַרבערוויל טורמע"...

לייענענדיק די שורות, דערפילט דער לייענער אַ שטאָך און אַ בושה, ווי ער, דער לייענער וואָלט געווען שולדיק אין עפּעס.

* * *

די מאַטעריאַלן, די ציטאַטן און די באַלאַדעס, וועלכע איך האָב אי־בערגעזעצט, זיינען גענומען פון די פאָלקלאָר־זאַמלונגען פונעם גרויסן אַמעריקאַנער דיכטער, פאָלקלאָריסט און לינקאָלן־ביאָגראַף קאַרל סאַנד־בורג, און פון די פּראָמינענטע פאָלקלאָר־קענער און זאַמלער דזשאָן א. לאָמאַקס און אַלען לאָמאַקס (פאָטער און זון), ב. א. באָטקין און דעיוויד יוען.

## ביכער פון ל. מילער:

„**אויף גאָטס וועלט**" (לידער), פאַרלאַג „אַמעריקע", 1919.

„**אבא**" (ראָמאַן), אין זאַמלבוך „שריפטן", פאַרלאַג „אַמעריקע", 1920.

„**מיסטער מענטש**" (דראַמע אין ענגליש, אין „פּאָעט־לאָר"), 1929.

„**דאָ איז מיין היים**" (לידער), פאַרלאַג „סיגנאַל", 1939.

„**בלעטלעך גראָז**" פון וואָלט וויטמאַן (איבערזעצונג),
„קאָאָפּעראַטיווער פאָלקס־פאַרלאַג", 1940.

„**דאָס לעבן, וואָס לעבט אייביק**" (פּאָעמע אין 4 טיילן), 1941.

„**שטורעמס און רעגנבויגנס**" (לידער), פאַרלאַג „איקוף", 1948.

„**אייביק לעבן**", פאַרלאַג „יידיש אַמעריקע", 1959.

# אינהאַלט


מיט טיפער דאַנקבאַרקייט און לויב . . . . . . . . 7
ס'איז געווען אין 1956... . . . 7
קורצע ביאָגראַפישע דאַטעס און פאַרצייכענונגען. . . . . 9


## פאַריז


אָ, נעם מײַן ליד . . . . 15
ווי לאַנג עס וועט נאָך אומרעכט זײַן . . . . . . . 17
איך בעט זיך בײַ מײַן ליד . . 18
פאָלק און פרילינג אין ווענסענער וואַלד . . . . . . 19
אַ ליד — אַ בריוו . . . . . 21
דאָס גוטע — דער מענטש . . 22
דער אייביק-ברענענדיקער דאָרן . 23
מאַמע - רעפובליק . . . . 24
דער תיקון פון אַ ליד . . . 27
ווען פאַראייביקט זײַנען אַלע . 28
פאַרשפעטיקטער פרילינג . . 30
אַ פאַריזער טאָג אַזאַ . . . 32
אַ ליד וועגן גאָלדענעם מיקראָב . 33
דאָס ליד פון אייביק־גוטן . . 34
„פלאָראַלי" . . . . . . . 35
פון מײַן פענצטער . . . . 36
פרילינג אין פולער לבנה-נאַכט . 37
פער-לאַשעז, 27-טער מאַי . . 38
שאַנז-עליזעי . . . . . 41
לידער אין אָנדענק פון ה. לייוויק 42
צו ה. לייוויקס צווייטער יאָרצײַט 45
איך גלויב . . . . . 47
איך זינג דעם שלום הײַנט . . 48
דער מענטש־דערפרייער . . . 49
פרילינג גרייט זיך . . . . 50
געלעכטער פון די כוואַליעס . 51
אַלכעמיקער — מכשפים . . 52
ווער עס האָט קיין מזל נישט . 53
צום אייביקן אָנדענק . . . 54
דאָס ליד פון די צוויי ברידער 56
דער דיכטער (פילאָזאָפישע מעשה) 57
פאַריז . . . . . . . . 66


## בײַם בלויען ברעג


אַ געבעט צו דער מאָנטאַנער זון 67
העל-זוניקער עמבלעם . . . 70
אַ יום-טוב אין מאָנטאַן . . . 71
בײַם בלויען ברעג . . . . 72
אָנקומענדיקער שטורעם . . 73
נאָכן שטורעם . . . . . 74
אין לאַנד פון בלויען וווּנדער . 75
געזעגענונגס - ליד . . . . 76
אַ זון און אַ רעגן . . . . 77


## איטאַליע


ווײַל דו ביסט אַ זוניק לאַנד . 81
די כוואַליעס דערציילן . . . 82
אונטערן לויטערן הימל איטאַליעס 83
איטאַליעס מאָדערנע מאַדאָנע . 84
„באַנקראָטאָ קאַפּיטאַליזמאָ" . 87
ליד פון מענטשנס לעבן אויף דער ערד . . . . . . 89
טוריסטן . . . . . . . 91
אַדריאַטישער ים־ברעג . . . 92
איטאַליענישע יוגנט טאַנצט דעם „טוויסט" . . . . . . 93
אַ נאַכט פון איבערטראַכטעניש און שרעק . . . . . 99

## נ י ו - י אָ ר ק


דער מענטש . . . . . . . 100
צווײ זײלן ליכט . . . . . 101
בײם לײענען די בריוו פון עטל
און יוליוס . . . . . 102
איצט שלאָפט ער — „מעני" . 103
„מאַשינאַוועס לידער" . . . . 105
אויף די קברים פון די טויטע . 106


זאַמלונג פון אָפּגעקליבענע לידער

## „אויף גאַטס וועלט"


צײכענונג — יהודה טאָפּעל . 109
„אַ בערעלע - בו" (ליבעס-ליד)
געצײכנט פון יהודה טאָפּעל 110
אַ רוגז (ליבעס-ליד) . . . . 111
בליטן . . . . . . . . 112
עס טרעפט אַ טאָג . . . . . 113
אין אַ „טענעמענט־הויז" . . 114
אין שאַפּ . . . . . . . 115
קײנער קאָן נישט העלפן . . 116
איך בין מיד דײן קינד צו זײן 116
צײטן — צײטן . . . . . 117
מיר חלומען . . . . . . 117


## „דאָ איז מײן הײם"


דערפאַר וואָס מיר האָבן דאָס
לעבן אַזוי ליב . . . . . 118
דער מאַן דערצײלט זײן פרוי
וועגן מינכען 1938 . . . 119
איך זינג פון לעבן . . . . . 121
אַ נעגער-ײנגל זינגט אַ ליד . 122
מיר, די מיליאָנען . . . . . 125
מײן חלק אײביקײט אין לעבן . 127
ווי ווינטן פאַר אַ שטורעם
(ליבעס - ליד) . . . . . 129
איך זע דאָס לאַנד פון לעבן . 130


## „שטורעמס און רעגנבויגנס"


סאַן - פראַנציסקאָ . . . . . . 132
דאָס לעבן דערצײלט מיר אַ
מעשה . . . . . . . 134
לובלין . . . . . . . . 135
דײנע שונאים . . . . . . 139
אונדזער גרויסער ברודער . . 140


## „א ײ ב י ק ל ע ב ן"


לשנה טובה-טויבן . . . . . 142
צווײ ײדן . . . . . . . 142
ײדיש . . . . . . . . 143
שלום-עליכם . . . . . . . 147
דער לאַקאָמאָטיוון־הײצער . . 149
אַמאָל איז געווען — אויך איצט
זײנען דאָ (קינדער-ליד) . 151


## פון פרעמדע שפּראַכן

(איבערזעצונגען)

אַלפאָנזאָ די־נאַלאָ


אַנטיקן . . . . . . . . 155
ברידערלעכקײט . . . . . . 156
אין קראָם פון מלאכים . . . . 157
די פליג צום ײנגל . . . . . 158
וועלט-האַרבסט . . . . . . 158


פון אַלפאָנזאָ די־נאַלאָס זאַמלונג:
„געבעט פון פרימיטיווע פעלקער"


געזאַנג צום רעגנבויגן . . . . 159
אַ געזאַנג . . . . . . . 160
צו דער זון . . . . . . . 161
אַ געבעט אַפּצושטעלן אַ שטורעם 161
צו זאַנאַר און ניאַנג — די צווײ
באַשעפער פון דער וועלט . 162

פון אַלפאָנזאָ די׳נאָלאָס זאַמלונג:
**„עראָטישע געזאַנגען
ביי פרימיטיווע פעלקער״**

די טאָכטער פון אַנקל כאַראַוויי . 163
ווי שיין זי איז . . . . . . 163

**דריי פאָלקס־לידער**

שמיד, מיין ליבער . . . . . 164
ווינטער (קינדער-מאָטיוו) . . . 165
פאַרשנייט פון פרילינג . . . 166

יעווגעני יעווטושענקאָ

באַבי יאַר . . . . . . . 167
אויסרופצייכן . . . . . . 169
איך שפּאַר זיך דורך דעם
שטאָטישן געדראַנג . . . . 171

א. סאַבאַלעוו

בוכענוואַלד-אַלאַרם . . . . . 172

**אַמעריקאַנער פאָלקס־באַלאַדעס**

שיינע באַרבאַראַ עלען . . . . 173
אַ קאָובאָיס געבעט . . . . . 175
כ׳האָב אַ געליבטן אין דינסט
אויפן ים . . . . . . . 176
זעץ זיך, דינסט, אַנידער
(ספּיריטואַל) . . . . . 178

וואָלט וויטמאַן

אוועק מיט טעמעס פון קריג . 179
דער דיכטער . . . . . . 180

וואַשעל לינדסעי

אינדיאַנער זומער־טאָג אויף די
פּרעיריס . . . . . . 181

ראָבערט פראָסט

אַנטפּלעקונג . . . . . . 182
דאָס פאַשע-פעלד . . . . . 182
דער גענומענער וועג . . . . 183
בעראָזעס . . . . . . . 184
איצט פאַרמאַך די פענצטער . 186

לענגסטאָן היוז

אַמעריקע . . . . . . . 187
אַפריקע . . . . . . . 189
דזשאָרדזשיאַ, ווען נאַכט פאַלט
צו . . . . . . . . 190

אַלפרעד קרעימבאָרג

דאָס רייכע פּאָרל דזשעק און
דזשיל (פראַגמענט) . . . 190

וועגן דער אַמעריקאַנער באַלאַדע
און פאָלקס-ליד (עסיי) —
ל. מילער . . . . . . 192